ספר

# פחד יצחק

והוא פירוש על

# תפלה

דער חבור איז אויסגעקליבען געווארען ספורים נפלאים אונ משלים, פון גמרא ירושלמי אונ בבלי, אונ פון זוהר הקדוש, פון מדרש רבא אונ סדר אליהו רבא וסדר אליהו זוטא, ילקוט שמעוני פון סדר הדורות פון אוהל יעקב, אונ עס איז איבערגעזעצט געווארין אויף עברי דייטש כדי אלע מענשין זאלין זיך ארויסנעמען אמוסר, יהי רצון מלפני ד׳ אלהינו ואלהי אבותינו אז עס זאל גרויס זיין דער זכות פון די תנאים ואמוראים וואס זייא האבין דערציילט דיא ספורים נפלאים אונ האבין גיזאגט די משלים, אז עס זאל זיין אלע מיינע מעשים לשם שמים אונ זאל זיין באהבה ויראה ופחד דערום האב איך אנגעמען גענעבין דעם חבור פחד יצחק.

דברי המלקט והמחבר **יצחק** ב״ר **מנחם מאניש** ז״ל **הכהן** גמראוו מדרויסק.
בעל המחבר **מנחם יצחק** פירוש על תפלה, **יצחק ירנן** פירוש על פרק שירה,
**לקוטי יצחק** פירוש על תהלים, **תודת יצחק** על נביאים, **זכרון יצחק**
עברי דייטש על תהלים, **עולת יצחק** פירוש על תפלה.

20

כל הזכויות שמורות אצל

הוצאת אמונה

© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

**EMUNA PUBLISHING**
**142 Rodney Street**
**Brooklyn, N.Y. 11211**
**388-8812 — 384-0002**

**אדון** עולם. דער אנהויב דאווענען פון שחרית הויבט זיך אן מיט דעם ווארט אדון עולם ווארום אברהם אבינו האט מתקן געווען מען זאל מתפלל זיין תפלת שחרית און ער האט גערופן דעם בורא יתברך אדון, ער האט געזאגט אדני אלהים במה אדע.

**מביט** לסוף דבר בקדמתו (חגיגה טו ע״א) אשרה האט געפרעגט ביי ר׳ יהושע בן קרחה עס שטייט אין דער תורה אויף אייער גאט אז ער איז שופט צדק. ער איז צדיק וישר ואין עול. וואס איז דאס פאר א משפט פון אייער גאט פאר וואס ווערט געבארן שטומע, בלינדע, טויבע, הינקעדיגע, זיי האבין גיווים ניט גיזינדיגט, האט ר׳ יהושע אים גיענטפערט איך וועל דיר ווייזין אז גאט איז אשופט צדק, גיב מיר צווייא טויזענט רענדליך מיט צוויי עדות, האט דער שר אים גיגעבין, גענומט ר׳ יהושע און גיט די צוויי טויזינט רענדליך צו אנגבאריגעם בלינדין פאר די צוויי עדות און זאגט אים זאל זיין ביי דיר די געלט דריי חדשים, נאך די דריי חדשים איז ר׳ יהושע גיקומען צו דעם בלינדין און האט גיבעטין די צווייא טויזינט רענדליך, דער בלינדער האט גיענטפערט איך האב ביי דיר ניט גינומען קיין רענדליך און די עדות האט ער אויך אפגילייקינט און דער שר האט גיהערט, זאגט ר׳ יהושע צום בלינדין איך האב גיזעהען אז דיין ווייב זאגט צו אמענטשין יעצט וועט מען טויטין מיין בלינדין מאן און איך וועל זיין דיין ווייב און מיר וועלין האבין אגוטין לעבין מיט די צווי טויזינט רענדליך. האט דער בלינדער אוועק גיגעבין די געלט צו ר׳ יהושע, זאגט ר׳ יהושע צום שר, זעהסטו אז אונזער גאט איז אשופט צדק ווארום ער ווייס פון אן הויב וואס וועט זיין דער סוף פון דעם מענטשין, און ער ווייס אז דער מענטש וועט זעהען מיט זיינע אויגען וועט ער טאן מענטשין צרות, באשאפט ער אים צו זיין בלינד, דער שר האט גיזאגט גילויבט איז אייער גאט און אייער תורה איז אמת וואס עס שטייט אז ער איז שופט צדק צדיק וישר ואין עול דאס איז וואס מיר זאגין אין תפלה „מביט לסוף דבר בקדמתו״, גאט זעהט דיעם סוף פון איטליכע זאך פון אן הויב.

**והערב** נא וכו׳ (מד״ר תשא). אשרה האט גיזאגט צו דעם שומר פון זיינע אוצרות נעם רענדליך וויפיל דו ווילסט, איז מחמת שמחה האט ער ניט גיוועלט עסין און ניט שלאפין און האט נור גינומען דריא רענדליך, אזוי אויך זאגט משה רבינו אז איך וועל עסין און שלאפין וועל איך ניט לערנען איך דארף זיין אויף דעם הימיל מער נישט פערציג טעג, די תורה לערנען איז אים גיוועזין זיס, בעטין מיר „והערב נא״ דאס די תורה לערנען זאל אונז זיין זיס:

**אשר** בחר בנו וכו׳ (מד״ר קדושים)· אשרה האט גיזאגט צו זיין זון פאר האנדלען, זאגט דער זון צום פאטער איך האב פורכט פאר גזלנים, גענומט דער פאטער אשטעקין און לייגט אין איר אקמיע און זאגט צום זון דער שטעקען זאל זיין בייא דיר אין האנד וועסטו ניט האבין קיין פארכט פאר גזלנים און ניט פאר חיות רעות· אזו זאגט גאט צו משה רבינו זאג צו די אידין אז זייא זאלין עוסק זיין בתורה. און מחזיק תורה זיין וועלין זיי ניט מורא האבין פאר שלעכטע זאכין.

**המחזיר** נשמות לפגרים מתים (ילקוט שמעוני)·

ר׳ פינחס האט געזאגט סוף צוואנציג יאר אז די הרוגי בבל זיינען גיהארגעט גיווארין איז גיוועזין דער רוח הקודש אויף יחזקאל הנביא און גאט האט

אים באוויזן טרוקענע ביינער פון טויטע מענטשן אין דעם טאל דורא און האט גיזאגט צו אים זאג אז זיי זאלן לעבעדיג ווערען. האט יחזקאל הנביא גיזאגט נביאות אויף די ביינער און זיי זיינען לעבעדיג גיווארין. די ביינער זיינען פון שבט אפרים וואס זיי זיינען ארויס פון מצרים פאר דער צייט וואס גאט האט צו גיזאגט ארויס נעמען זיי פון מצרים. דאס איז „המחזיר נשמות לפגרים מתים", גאט קערט אום די נשמות צו די טויטע מענטשען.

**מדין** קשה ומבעל דין קשה (ילקוט במשלי).

א רייכער מענטש פון ירושלים האט געוויזט מיט זיין קנעכט אין א גאנץ ווייטע לאנד, און אין ירושלים האט ער גיהאט א בן יחיד, דער רייכער מענטש איז קראנק גיווארין און ער האט גיוואוסט אז ער וועט שטארבין, ער האט מורא גיהאט פאר זיין קנעכט אז ער וועט שטארבין וועט דער קנעכט צונעמען זיין גאנץ פערמעגין און ער וועט אנטלויפין אין א פרעמדע לאנד און זיין זון וועט ער גיט אפגעבין, האט ער גיזאגט צום קנעכט איך שרייב דיר אב אז דו זאלסט מיר ירשנן מיין גאנץ פערמעגין, און מיין זון האט אויס צו קלייבין איין זאך פון מיין גאנצין פערמעגין און נעמען דאס. און דער רייכער מאן האט אויף גישריבין און עדות האבין זיך גחתמת אויף דעם כתב אז ער האט אוועק גיגעבין דעם קנעכט, און דעם כתב האט דר רייכער מאן נתגעבין דעם קנעכט, נאך זיין טויט האט דער קנעכט גינומען זיין העריבם גוטס און איז געקומען קיין ירושלים צו ירשנען זיינע הייזער און פעלדער און אלץ וואס ער האט אין ירושלים און האט גיזאגט דעם זון אז זיין פאטער איז גישטארבין און האט אים גיוויזין דעם כתב וואס זיין פאטער האט גישריבין פאר זיין טויט, דער זון האט דערקענט זיין פאטערס כתב, האט דער זון דערציילט זיין רבי'ן, זאגט צו אים זיין רבי דיין פאטער איז גיוועזין א גרויסער חכם, ער האט גיהאט מורא פאר דעם קנעכט דאס ער וועט בגזלנן דיין געלט און וועט ניט קומען אין ירושלים דערום האט ער גישריבין אז אלץ זאל זיין צום קנעכט און האט בפירוש גישריבין אז דער זון זאל נעמען איין זאך וועט דער זון נעמען דעם קנעכט אליין איז טייערער וויא אלץ, ווייל וואס א קנעכט האט, גיהערט צום בעל הבית זיינעם, זאלסטו אים רופין צו בית דין האבין א דין תורה אז ער וועט ווייזין דעם כתב אז דו האסט מער ניט איין זאך וואס דיר גיפעלט זאלסטו זאגין אז דו ווילסט דעם קנעכט אליין, האט דער זון אזוי גיטאן וויא זיין רבי האט אים גיגעבין די עצה און ער האט זוכה בדין גיוועזין, און ער האט צוגינומען דעם קנעכט מיט דעם פאטערס פערמעגין און אז דער רבי וואלט אים ניט געבין די עצה וואלט בלייבין דעם פאטערס פערמעגין ביי דעם קנעכט. בעטין מיר אין תפלה ביי גאט אז ער זאל אונז מציל זיין מדין קשה ומבעל דין קשה בין שהוא בן ברית ובין שאין בן ברית:

**קדש** את שמך על מקדישי שמך (פסחים פרק ג').

ר' יוסף איז גיוועזין זייער קראנק און לעבין מוטה, ווען אז ער האט זיך אויף גיהאפט האט זיין פאטער ביי אים גפרעגט וואס האסטו גיזעהן האט ר' יוסף גיזאגט צום פאטער איך האב גיהערט אז מען האט אויס גישריען גוט איז דעם מענטשן אז ער קומט אהער און איז קלאר אין זיינען לערנען תורה, און גוט איז די הרוגי לוד וואס זייא האבין מקדש השם גיוועזין, מען האט גימאכט א בלבול אויף די יודין אז זיי האבין גיהרגט די טאכטער פון שר און מען ווייס ניט וועלכער איד האט גיהרגט, דערום האט דער שר גוזר גיוועזין אז מען זאל אלע

איהן

ידין אויס הרגענן. האבען צוויא ידין פון דער שטאט לוד גיזאגט אז זיי האבען גיהרגעט די טאכטער פון שר, זיי האבין גיוואלט מציל זיין די יודען פון מיתה. זייא האבין ניט גיהארגעט. האט מען זיי בן גיוועזין אונ מען האט זיי גיהארגעט. דערום וואס זיי האבען מציל גיוועזין אלע אידין פון מיתה זיינען זיי זוכה צו זיין אין גן עדן וואו קיין מענטש קען ניט זוכה זיין צו זעהן זייער ארט אין גן עדן אונ מען שרייט אויס אלע טאג גוט איז די הרוגי לוד. דאס זאגין מיר „קדש את שמך על מקדישי שמך". רבונו של עולם דו זאלסט הייליגען דיין נאמען אויף אלע די וואס זיינען מקדש השם אזוי ווי דו האסט גיהייליגט דיין נאמען אויף די הרוגי לוד, „וקדש את שמך בעולמך ובישועתך תרום ותגביה קרננו" מיט דיין הילף גאט זאלסטו אונז אידין דער הויבין אונ העלפין אונז:

**צו** את בני ישראל (מד"ר פינחס). דער גוטער פריינט פון דאס פרויא פון דעם שרה פאר זיין שטארבין האט ער גיבעטין דעם שרה אז ער זאל שלום ווערין מיט זיין פרויא, ענטפערט אים דער שרה דוא זאלסט בעטין מיין פרויא אז זיא זאל מיר געבין כבוד וועל איך זיין מיט איר שלום, אזוי איך משה רבינו האט גיבעטין ביי גאט אז ער זאל מאכין אויף די אידין איין גוטין מנהיג, זאגט גאט בעט די אידין אונ פאר זאג זיי אז זיי זאלין טאן מיין רצון וועט זיי גוט זיין. צו את בני ישראל, פאר זאג די אידין אז זייא זאלין מקריב זיין מיינע קרבנות אין דער צייט וואס מען דארף מקריב זיין אונ ווייא דער דין איז:

**ברוב** טובך נהל עדתך (מד"ר קהלת). רבי יצחק בר' אלעזר האט גיזעהן אז אביין פון אמענטשין ליגט אויף דער ערד, האט ער אים באגראבין אין דער ערד איז דער ביין ארויס פון דער ערד, זאגט ר' יצחק דער ביין איז צו טאן אשליחות פון גאט, איז גיגאנגען אמענטש פון די ישמעאלים וואס האט גיטראגין שלעכטע בריף אויף די אידין איז דער ישמעאל גיפאלין אויף דעם ביין אונ איז געטויט גיווארין, ווארום גאט היט איין די אידין פון צרות. דאס בעטין מיר ביי גאט כבבת שמרם וכו' נהל עדתך.

**הייתני** מירדי בור (מועד קטן). אז דער מלאך המות איז גיקומען צו ר' יהושע בן לוי צו נעמען זיין נשמה. זאגט ר' יהושע בן לוי צו אים ווייז מיר מיין ארט אין גן עדן אונ דו זאלסט מיר געבען דיין מעסער אויך ווארום איך וויל דיר ניט גיטרויען איבער דער וועג. זאגט צו אים דער מלאך המות קום איך וועל דיר ווייזען אונ גיט אים דעם מעסער אויך, ווי זייא זיינען גיקומען צו דעם ארט פון גן עדן הויבט אים אויף דער מלאך המות אין דער הויך כדי ער זאל קענען זעהן זיין ארט. אזוי טוט ר' יהושע איין שפרונג אין גן עדן אונ דעם מעסער האט ער אויך ביי זיך גיהאט, אזוי האפט אים דער מלאך המות אן זיין מלבוש אז ער זאל צוריק גיין. זאגט ר' יהושע, איך טוא איין שבועה אז איך זאל צוריק ניט גיין. דער מלאך המות דער ציילט דאס פאר הקדוש ברוך הוא, האט מען אים גיענטפערט מען זאל נאך קוקען האט ער אנדערש איין מאל איין שבועה גיטאן אונ זיך גילאזט מתיר זיין וועט מען אים די שבועה אויך מתיר זיין, אונ אויב ער האט זיך קיין מאל ניט גילאזט מתיר זיין א שבועה קען מען די שבועה אויך ניט מתיר זיין האט מען נאך גיזוכט אבער ער האט אין זיין גאנצין לעבען קיין שבועה ניט גיטאן, איז פאר בליבין אז ער דארף ניט צוריק גיין צום מלאך המות, זאגט דער מלאך המות צו אים גיב מיר אב מיין מעסער אבער ר' יהושע האט

ניט

ניט גיוועלט אים אָב געבין, ביז עס איז ארויס איין בת קול פון הימל און האט געזאגט, גיב אָב דעם מעסער ווארום מען דארף דאס האבין פאר די מענטשין וואס דארפין שטארבין, האט ר' יהושע בן לוי אָב גיגעבין און איז גיבליבין אין גן עדן לעבעדיגערהייט, און אליהו הנביא האט אויס גישריען אין הימל ראמט אויס איין אָרט פאר רבי יהושע בן לוי, אויף ר' יהושע בן לוי איז מקוים געווארין דער פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט „חייתני מירדי בור" דו גאט האסט מיך דער נעהרט אז איך זאל ניט נידערין אין גרוב.

ברוך פודה ומציל (הפניות פרק ג'). דרייא מאל אין יאר זיינען גיגאנגען יודין אין ירושלים, אמאל זיינען זיי גיקומען אין ירושלים און האבין ניט גיהאט קיין וואסער צו טרינקען, איז גיגאנגען בוני בן נוריון צו איינעם אבעקאנטין שרה וואס האט גיוואוינט אין ירושלים און האט בייא אים גיליען צוועלף קוואלין וואסער פאר יעדער שבט אקוואל און האט אים געזאגט אז אין יענער און יענער צייט וועל איך דיר אוועק געבין צוועלף קוואלין וואסער אדער איך וועל דיר בעצאלין פאר יעדער קוואל אכיכר זילבער, עס איז גיקומען דער בעשטימטער טאג וואס בוני בן נוריון האט דעם שרה גידארפט אָב געבין דאס וואסער און דער הימל איז געווען קלאר קיין וואלקין איז ניטא האט דער שרה גישיקט אשליח צו בוני בן נוריון אים בעטין די צוועלף קוואלין וואסער אדער די צוועלף כיכר זילבער האט בוני בן נוריון גיענטפערט דעם שליח זאג דיין האר דער טאג איז נאך גאנץ גרויס ער מעג ווארטין, מיטאג צייט האט דער שרה גישיקט אצווייטין מאל אשליח בעטין די געלט אדער די קוואלין וואסער האט בוני בן נוריון גיענטפערט דעם שליח איך האב גאנץ צייט דער טאג איז נאך גרויס, מנחה צייט האט דער שרה גישיקט אדריטין מאל בעטין דאס געלט און ער האט געזאגט זיי ווייסין דאס נאך אקליינע ווייל וועט די זון אונטער גיין גיב אָב דאס געלט, בוני בן נוריון האט גיענטפערט גאטעס הילף קען קומען אין איין רגע, איז בן נוריון אוועק גגאנגען אין בית המקדש מתפלל זיין צו גאט און האט געזאגט רבונו של עולם דו ווייסט אז איך האב דאס גיטאן ניט פון מיין כבוד וועגין נור פון דיין כבוד וועגין כדי דיינע קינדער זאלין ניט שטארבין פון דארשט, איז געווארין פלוצלונג אוויינט מיט אוואלקין און עס איז געווארין אגרויסער רעגין אלע גריבער זיינען אריבער פול מיט וואסער, זאגט דער שרה דו מוזט מיר בעצאלין פאר די וואסער ווייל די זון איז שוין לאנג אונטער גיגאנגען איז די וואסער אין מיין רשות גיקומען, איז בוני בן נוריון אריין גיגאנגען אין בית המקדש און האט תפלה גיטאן צו גאט און האט געזאגט רבונו של עולם באווייז דיין וואונדער זאלין אלע זעהן אז דו האסט געליבטע קינדער אויף דער וועלט, האט אוויינט פאנאנדער גיטריבן דעם וואלקין און די זון האט זיך באוויזען, דאס איז וואס מיר זאגין אין תפלה „ברוך פודה ומציל" גילויבט איז גאט וואס ער לייזט אויס דעם מענטשען פון צרות:

ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך (מס' מגילה).

איין מלך פון די געצענדינער האט גוזר גיוועזין אז יודין זאלין ניט מהל זיין זייערע זין, און רבי שמעון בן גמליאל האט זיין זון רבינו הקדוש ע"ה מהל גיוועזין, דער שר פון שטאט האט דערהערט אז ר' שמעון בן גמליאל האט מהל גיוועזין זיין זון האט ער אוועק גישיקט ר' שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי מיט דעם קינד צום מלך, זיינען זיי גיקומען געבעטין אין דער שטוב פון

דיעם

דעם פאטער פון אנטונינוס און אין יענער צייט איז אנטונינוס גיבארין גיווארין האט דערציילט די מוטער פון רבינו הקדוש צו דיא מוטער פון אנטונינוס, מען פירט אונז צום מלך צו טאן אונז אמשפט ווייל מיר האבין מהל גיוועזן אונזער זון, זאגט דיא מוטער פון אנטונינוס צו דיא מוטער פון רבינו הקדוש נעם מיין זון וואס ער איז ניט מהול און גיב מיר דיין קינד און טראג מיין קינד צום מלך וועט איר ניצול ווערין פון שטראף, האט זיא אזוי גיטאן און קיין מענטש האט ניט גיוואוסט, האט דער שר זיי גיבראכט צום מלך, זאגט דר מלך מען דארף זעהן צו איז דער קינד מהול האט מען גיזעהן אז דער קינד איז ניט אמהול, איז דער מלך אין כעס גיווארין אויף דעם שר און האט אים גיזאגט איך האב נוזר גיוועזן איין שטראף אויף דעם וואס איז מהול, ווארום האסטו מיר גיבראכט דעם וואס האט זיין זון ניט געמהלט, האט דר מלך גיזאגט מען זאל דעם שר טויטן, אין יענער צייט זיינען גיוועזן ביים מלך אייניגע שרים האבין זייא גיזאגט הער קיניג מיר קענען עדות זאגין אז זיי האבין זייער זון מהל גיוועזן נור זייער גאט איז נאהענט צו זיי אז זיי בעטין אים העלפט ער זיי וויא עס שטייט אין דר תורה (דברים ד׳) מי כה׳ אלהינו בכל קראינו אליו, האט דער מלך מבטל גיוועזן די גזירה און האט גישיקט ר׳ שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי און קינד לשלום צו הויז. ווען זיי זיינען גיקומען צוריק אין דר שטוב פון די עלטערין פון אנטונינוס האט גיזאגט די מוטער זייניגע דערום ווייל גאט האט דיר גיטאן אנס אז דיין זון איז גיבליבין לעבין דורך מיין זון, זאלין אונזערע זיהן זיין חברים כל זמן זיי וועלין לעבין, און ווייל אנטונינוס האט גיזויגין בייא די מוטער פון רבינו הקדוש האט ער זוכה גיוועזן צו לערנען תורה בייא רבינו הקדוש און איז גיווארין אמלך און האט עולם הבא, קענען מיר זאגין דעם פסוק וואס דוד המלך האט גיזאגט „ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך” גאט אויף דיין חסד האב איך אבטחון זונ עס פרייט מיך מיין הארץ וואס דו גאט האסט מיר גיהאלפין, דער פסוק איז גיזאגט גיווארין בנבואה צו דוד המלך ע״ה אויף ר׳ שמעון בן גמליאל ער האט גיהאט אבטחון צו גאט און האט מהל גיוועזן זיין זון רבינו הקדוש און דערום האט אים גאט איין גיהיט פון צרות און ער איז אוועק מיט גרויס פרייד צו הויז, און מען האט מבטל גיוועזן די גזירה פון אלע אידין.

**טעמו** וראו כי טוב ד׳ אשרי הגבר יחסה בו• יראו את ד׳ קדושיו כי אין מחסור ליראיו (ספר ברית אברהם). אמלך האט ארויס גיקוקט פון פענסטער פון זיין שלאס און דער שלאס איז גישטאנען לעבין אטייך, האט ער גיזעהן אז איין אלטער מאן האט זיך גיזעצט אויפן זאמד ביין וואסער און האט ארויס גינומען אדארע שטיקיל ברויט און האט דאס צו ווייקט אין וואסער ביז עס איז גוט צו ווייקט גיווארין און האט דאס גיגעסין זונ דער נאך האט ער גיטרונקען די וואסער פון טייך, און האט זיך גילייגט שלאפין אויף דעם זאמד, האט דער מלך אים גישיקט רופין און זאגט צו אים איך פר וואונדער מיך דו אלטער מאן וויא לאזטו זיך באנוגען און דו האסט אזא ביז לעבין, זאגט ער איך טוא זיך באשיצין אויף גאט וויא עס שטייט אין תהלים „אשרי הגבר יחסה בו” וואויל איז דעם מענטשין ווער עס טוט זיך באשיצין אין אים, איך האב ניט קיין זאנגסט פאר גזלנים און קען דינען גאט און האב מער ניט מורא וויא פאר גאט וועט מיר ניט זיין קיין אפגאנג וויא עס שטייט אין תהלים „יראו את ד׳ קדושיו כי אין מחסור ליראיו:

פארכטעט איך פאר גאט איר הייליגע מענשען
דען, עס איז ניטא קיין שום אפ נאגען צו
זייערע פארכטיגע מענטשען, און איך פריי
מיר דער מיט ווי איך וואלט געגעבן
קעניגליכע שפייז, דער וואס ליפט נאך געלט
האט נית קיין רוה, ביי טאג לויפט ער אהין
און אהער ווי א משוגענער און ביי נאכט
שלאפט ער נית און טראכט ווי אזוי זאל
ער געלט געווינען און ער פארט איבער
ימים און מדבריות אויף ירידים און טאג
און נאכט האט ער מורא פאר גזלנים און
האט נית קיין צייט צו דינען דעם בורא ית'
און אז ער קומט שוין אהיים וארט ער
ווייטער און רעכענט חשבונות מיט זארג
און אנגסט און עס איז אים קיין מאל נית
גענוג, און ריכט זיך תמיד צו פארן ווידער
און צום סוף פאר לירט ער ביידע וועלטן,
ער ווערט אן זיין געלט און עולם הבא אויך,
ווי עס שטייט אין תהלים „כפירים רשו
ורעבו" די וואס דינען נית גאט קענן זיין אז
די זאלן ארים ווערן און פאר לירן ביידע
וועלטן „ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב" און
די וואס דינען גאט זיי גייט נית אפ קיין נוטס,
דער מלך האט אים מודה געווען און האט
אים געגעבן גרויסע מתנות.

**תשב** אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם (סנהדרין
חלק). מנשה דער זון פון חזקיהו איז
געווען א רשע זיין פאטער חזקיהו איז געווען
א צדיק ער האט אים געלערנט די דינסט פון
גאט און האט אים געשטראפט און ער איז
נית געווארן גוט, מער ניט יסורים האט אים
געבראכט צו ווערן גוט און צו טאן תשובה
ווי עס שטייט (ד"ה ב' ל"ג) וילכדו את מנשה
בחוחים ויאסרוהו בנחשתים ויליכוהו בבלה,
מען האט מנשה געבונדן אין קייטן און
מען האט אים געבראכט אין בבל. „ובהצר
לו חלה את פני ד' ויתפלל אליו ויעתר לו"
און אז עס איז אים געווארן שלעכט האט ער
שוין תפלה געטאן צו גאט איז גאט איבער
געבעטן געווארן צו אים האט מען אים אום
געקערט קיין ירושלים און איז געווארן א מלך
דאס האט משה רבינו געזאגט „תשב אנוש
עד דכא ותאמר שובו בני אדם" גאט דוא
ברענגסט יסורים אויפ'ן מענשען דו קערסט
אום דעם מענשען פון זיין שטארקן כח ביז
ער ווערט פאר שטויסן און דו זאגסט צום
מענטשען טוט תשובה אויף אייערע זינד.

**לא** תירא מפחד לילה (חולין פ"ח). צוויי מענשען
זיינען געגאנגען מיט איין פאס ווין
האבן זיי זיך אפ גערוט לעבן א ריגע איז די
פאס ווין צו שפרונגען געווארן אויף צוויי
שטיק, האבן זיי דערציילט די מעשה ביי
מרי בן רב אשי האט ער שופר געבלאזן און
האט דעם שד וואס האט צו שפאלטן די
פאס אין חרם אריין געלייגט, איז געקומען
דער שד צו אים, פרעגט רב מרי פאר וואס
האסטו צוברעכן די פאס ווין, זאגט דער
שד די מענטשען האבן דאס פאס אויף מיין
אויער געלייגט, זאגט רב מרי פאר וואס זי
ביסטו ווא מענטשען וואוינען דערום מוזטו
בעצאלן פאר די פאס ווין, זאגט דער שד
איך וואלט בעצאלן נור איך האב איצט קיין
געלט ניט גיב מיר איין צייט אזוי ווער איך גיזי'ם
באצאלן, גיט אים רב מרי א געוויסע צייט
ווי די צייט איז פערגאנגען איז דער שד
נית געקומען, אין א קורצע צייט דער נאך
קומט דער שד און ברענגט די געלט, פרעגט
רב מרי ווארום האסטו זיך געזאמט, זאגט דער
שד רבי איך האב גימוזט אויס זעהן אז איך
זאל קענען געלט נעמען ווארום וואס איז
אלס פאר בונדן אדער פאר שלאסן אדער
פאר חתמת אדער געמאסטן דערויף האב
איך נית קיין רשות צו נעמען נור דר וואס
פאר געסט און לאזט איבער דעם האב איך
מאכט צו נעמען, דאס איז וואס שטייט
„לא תירא מפחד לילה" דער צדיק וועט ניט

מורא האבין פאר דעם שד וואס מאכט איין פחד בייא נאכט, רב מרי האט ניט מורא גיהאט פארין שד אונ האט אים אין חרם אריין גילייגט אונ ער האט גימוזט באצאלן פאר דער פאס וויין.

**כי** יעקב בחר לו יה (תליה רכה). למשל איין שר אז ער פלעגט אין כעס ווערין אויף זיין פרוי פלעגט מען אים ברייננען זיין קליין קינד וואס זיין פרויא האט גיבארין פלעגט ער דעם קינד קושין אונ ער האט גיזאגט וואלט איך ניט רחמנות האבין אויף דעם קינד וואלט איך די פרוי לאנג ארויס גיטריבן פון מיינע פאלאצין, דאס איז וואס שטייט „כי יעקב בחר לו יה" ווארום גאט האט אויס דערוויילט יעקב אבינו צו זיך, אז די אידין זינדיגין גיט גאט אקוק אויף דעם פנים פון יעקב אבינו וואס זיין גישטאלט איז אויף דעם כסא הכבוד האט ער רחמנות אויף זיי.

**טוב** ד' לכל ורחמיו על כל מעשיו (כנת כהלה ד' י'). אגעטצענדינער האט גיפרעגט בייא ר' גמליאל ווען אייער גאט האט ליב ארימע לייט פאר וואס גיט ער זיי אליין קיין פרנסה ניט, האט אים ר' גמליאל גיענפערט למשל א מלך איז גיווארין ברוגז אויף זיין זון האט ער אים אין תפיסה אריין גיזעצט אונ האט פאר זאגט אז מען זאל אים קיין עסין ניט געבין, האט זיך איינער דערבארימט אויף דעם קעניגס זון אונ האט אים גיטראגן עסין אונ טרינקען, איז דאס דעם מלך זייער גיפעלין גיווארין אונ שיינקט אים פיל געלט אונ טוט אים אן כבוד, אזוי אויך גאט איז אונזער פאטער אונ מיר זיינען זיינע קינדער אונ גאט איז גוט צו אלע מענשין אונ ווען איינער איז ארים איז א שטראף פון גאט אונ אז א מענטש דערבארימט זיך איבער גאטס קינדער אונ העלפט זיי דערבארימט זיך גאט אויף אים, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „טוב ד' לכל" גאט איז גוט צוא אלעמען צו די ארעמע אויך „ורחמיו על כל מעשיו" אונ די רחמנות פון גאט איז אויף דעם מענטש וואס טוט די מעשים פון גאט צו רחמנות האבין אזוי וויא גאט האט רחמנות אויף איטליכין אזו האט דער מענש אויך רחמנות אויף דעם ארימאן טוט ער דאך די מעשים פון גאט וועט גאט אויף אים אויך רחמנות האבין אונ וועט אים געבין עולם הזה אונ עולם הבא.

**רצון** יראיו יעשה (מס' יומא). ר' חנינא בן דוסא איז גיוועזן אינמיטער וועגינס איז גיוועזן א שטארקער רעגין האט רבי חנינא גיזאגט רבונו של עולם די גאנצע וועלט איז אין פריידין וואס יעצט גייט רעגין אונ איך זאל האבין צער איז באלד דר רעגין אויפגיהערט וויא ער איז אהיים גיקומען זאגט ער רבונו של עולם די גאנצע וועלט איז אין צער וואס גייט ניט קיין רעגין אונ מען דארף רעגין, איז גיווארין ארעגין, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „רצון יראיו יעשה" דעם רצון פון גאטס פארכטיגע טוט ער טאן.

**וירם** קרן לעמו תהלה לכל חסידיו (מד"ל כמח). משל למלך וואס האט חתונה גיהאט אונ האט זיין פרוי ניט גיגעבין קיין כתובה אונ אז ער איז גיווארין אין כעס אויף איר האט ער איר ארויס גיטריבין פון זיין פאלאין אונ האט איר ניט גיגעבין קיין גט, אזוי האט ער גיטאן מיט דער אנדער פרוי וואס ער האט גינומען אונ אויך צו דער דריטער פרוי, ניט ער האט זיי גישריבין צכתובה אונ ניט קיין גט, אז ער האט דוי וועהן איין פרוי וואס זיא איז פון א שיינע משפחה אירע אבות זיינען צדיקים האט דער מלך גיזאגט די אשה וועל איך שרייבין צכתובה זיא איז א פרומע אונ שטאמט פון פרומע עלטערין אונ וועל שרייבין אין כתובה וועלכין יאהר אונ וועלכין חודש אונ וויפיל טעג אין חודש האב איך איר גינומען, אונ אין וואס פאר

אמרינה

מדינה איז געווען די חופה מיט איר, אזוי אויך הקב"ה האט באשאפן דור המבול האט ער ניט גישריבן אין דער תורה אין וועלכע צייט האט ער זייא באשאפן און ווען ער האט זיי דערטרונקען, אזוי אויך נאט האט באשאפן דור הפלגה אזוי אויך דיא מצרים, אז ער האט גינומען די אידין זאגט נאט צו משה רבינו איך וועל זיך ניט פירין מיט די אידין וויא איך האב זיך מיט דור המבול גיפירט און דור הפלגה און מיט די מצרים, די אידין שטאמען פון גוטע עלטערין. זיי זיינען בני אברהם יצחק ויעקב פר שרייב אין וועלכע מדינה און אין וועלכע שטאט האב איך זיי דער הויבן דאס שטייט „וידבר ד' אל משה במדבר סיני" דאס איז די מדינה „באוהל מועד" דאס איז די שטאט „בשנת השנית" דאס איז דער יאר „בחודש השני" דאס איז דער חודש „באחד לחודש" איין טאג אין חודש דאס איז אלין כדי „שאו את ראש" צו דערהויבן דעם צאל פון די אידין „שאו" איז לשון דערהויבן מקיים זיין וואס עס שטייט „וירם קרן לעמו" נאט דער הויבט די אידין „תהלה לכל חסידיו" מערט איין לויב צו אלע זיינע חסידים פון ישראל:

**והעושר** והכבוד מלפניך ואתה מושל בכל ובידך כח וגבורה ובידך לגדל ולחזק לכל (שבת קי"ט).

עס איז גיוועזן איד וואס זיין נאמען וואר יוסף מוקיר שבת ווארום ער האט גיהאלטין טייער שבת צו קויפין אויף שבת גוטע פיש און גוטע מאכלים ער האט גיטאן נור לכבוד שבת צו טאן דעם רצון פון גאט, לעבין אים האט גיוואוינט א געצענדינער האבין די שטערין זעהער אים גיזאגט דאס זיין גאנץ פערמעגין וועט ענדליך גיהערין צו יוסף מוקיר שבת האט דער געצענדינער זייער פורכט גיהאט דאס ער זאל ניט בלייבין ארים האט ער זיינע זאכין פערקויפט און פאר די געלט האט ער גיקויפט אטייערין בורלאנט און האט אים פאר נייט אין זיין היטיל און האט פערייזט גאנץ ווייט, איז ער גיקומען צו אגרויסן טייך און זיך גיוואלט אריבער שיפן, וויא זיין שיפיל איז גיקומען אין מיטין טייך איז גיווארין אשרעקליכער שטורים ווינד און האט זיין היטיל אריין גישליידערט אין טייך, די היטיל מיט דעם בורלאנט זיינען אין וואסער אריין און פיש האבן צובייסין און צוריסין די היטיל און נאט האט גישיקט אגרויסין פיש ער זאל איין שלינגען דעם בורלאנט, און פישער האבין גיפאנגען דעם פיש און האבן אים גיבראכט אין די שטאט וואו יוסף מוקיר שבת האט גיוואוינט ער האט ביי זיי אפ גיקויפט דעם פיש לכבוד שבת, ער האט אים אויף גישניטין און גיפונען דעם בורלאנט און איז דער פון רייך גיווארין און האט גישיצט פיל ארימע יודין, דאס איז וואס שטייט „והעושר והכבוד מלפניך" רייכקייט און כבוד איז ביי דיר נאט צו געבין ווער עס טוט דיין רצון אזוי וויא יוסף מוקיר שבת ער האט גיטאן דעם רצון פון נאט צו האלטין טייער שבת איז ער רייך גיווארין.

**זורע** צדקות מצמיח ישועות בורא רפואות (ב"ב י"א ע"א). בנימין הצדיק האט מפרנס גיוועזן איין אשה מיט אירע זיבין קינדער פון זיינע אייגענע געלט ווען עס איז גיוועזן א הונגער אין דער לאנד, דער צדיק איז קראנק גיווארין נאר צום שטארבין איז פאר אים גיוועזן א מלאך מליץ און האט גיזאגט צו נאט בנימין הצדיק וואס ער האט מחיה גיוועזן אפרוי מיט אירע זיבין קינדער דארף אזא צדיק ניט אזוי גיך שטארבין, איז ער באלד גיזונט גיווארין, דאס איז וואס שטייט „זורע צדקות" נאט פאר זייט די צדקות וואס אמענטש טוט „מצמיח ישועות" ער מאכט שפראצין איין הילף פאר דעם בעל צדקה „בורא רפואות" נאט באשאפט

פאר

פאר דעם בעל צדקה ארפואה אז ער ווערט קראנק.

**ואהבת** את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (ירושלמי). אז טורנוסרופוס האט גמשפט ר' עקיבא דעם משפט פון מיתה ווייל ער האט גילערנט תורה, אין יענער צייט איז גיוועזן זמן קריאת שמע האט זיך ר' עקיבא גיפרייט, האט גיזאגט טורנוסרופוס הרשע צו אים איך פאר שטיי ניט וואס פאר אמענטש דו ביזט צו דען פערשטייסטו ניט אז מען האט דיר גמשפט צו טויטין אדער דיר איז ניט גיפעלין דיא יסורים וואס גאט גיט דיר און דו לאכסט דער פון, האט אים גיענטפערט ר' עקיבא איך בין ניט קיין נאר און איך לאך ניט פון די יסורים וואס גאט גיט מיר מער ניט אלע טאג פלעג איך זאגן אין קריאת שמע ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, דו זאלסט ליב האבין גאט צו דינען אים מיט דיין גאנץ הארץ און מיט דיין נשמה און מיט דיין געלט האב איך רק גיטראכט ווען וועט דאס קומען צו מיר אלע דריי מצות, מיטין גאנצין הארץ ליב צוא האבין גאט האב איך מקיים גיוועזן און מיט מיין געלט האב איך ליב גיהאט גאט און מיט מיין נפש איז מיר ניט גיקומען אז איך זאל מקיים זיין און יעצט איז מיר גיקומען אזא צייט וואס איך קען מקיים זיין „בכל נפשך" מוסר נפש צו זיין און יעצט איז די צייט פון קריאת שמע און איך וועל זאגן בכל נפשך ליב האבין גאט מיטין גאנצין נפש, און איך וועל דאס מקיים זיין פריי איך זיך. ער האט ניט גיהאט צייט צו זאגן ובכל נפשך איז ארויס זיין נשמה, בשעת ער האט גיזאגט דעם ווארט אחד איז ארויס אבת קול און האט גיזאגט „אשריך ר' עקיבא שיצאת נשמתך באחד" גוט איז דיר ר' עקיבא אז דיין נשמה איז דיר ארויס בשעת ער דוא האסט גיזאגט אחד וועסטו האבין גרויס גן עדן.

**לישני** עפר (סנת פרק כ"ג). רב נחמן'ס בעלי מלאכות זיינען גיגאנגין אין פעלד צו ארבעטין האבין זיי גיהערט וויא אמענש שרייט פון דער ערד ארויס האבין זיי דאס דערציילט פאר רב נחמן, איז רב נחמן גיקומען צו דעם ארט פרעגט ער דעם טויטן מענש ווער ביסטו, זאגט דר טויטער איך בין רב אחא בר יאשיהו, זאגט רב נחמן עס וואונדערט מיר דאס דו קענסט נאך ריידין ווארום עס שטייט דאך אפילו די צדיקים אז זייא שטארבין ווערין זייא צו ריק ערד אזוי וויא דער מענטש איז גיוועזן פון אן הויב ערד, זאגט רב אחא בר יאשיהו עס שטייט גישריבין נאר דער וואס האט גיהאט קנאה שנאה אויף דעם אנדערין די ווערין צוריק ערד, אבער איך האב מיין גאנצין לעבין קיין שנאה קיין קנאה ניט גיהאט אויף קיינעם דערום בין איך ניט פאר פוילט גיווארין, רב נחמן האט דער זעהן דאס רב אחא בר יאשיהו איז אין דער ערד גאר פריש גלייך וויא ער האט נאך גילעבט, אזוי זאגט רב נחמן צו אים אז דו ביסט אזוי פריש און דו קענסט ריידין וויא אלע לעבעדיגע מענטשין קום מיט מיר אהיים וואס ליגסטו אין דער ערד, זאגט רב אחא בר יאשיהו צו אים מיר ווייזט אויס אז דו האסט קיין נביאים ניט גילערנט עס שטייט (יחזקאל ל"ז) בפתחי את קברותיכם, גאט זאגט אז איך וועל עפענען אייערע קברים דענסטמאל וועלין אלע טויטע ארויס גיין פון דער ערד און איצונד האב איך ניט קיין רשות ארויס צו גיין פון דר ערד, זאגט צו אים רב נחמן עס שטייט (בראשית ג') כי עפר אתה ואל עפר תשוב, זאגט רב אחא דאס וועט זיין איין שעה פאר תחית המתים, דאס איז וואס שטייט „ומקיים אמונת.

אמונתו לישני עפר" גאט איז מקיים זיינע אמת צו די צדיקים וואס זייא האבן ניט גיהאט קיין קנאה שנאה אזוי זאלין זיין אין קבר ווי אלעבידיגער מענטש שלאפט:

**רפאנו** ד' ונרפא וגו' (ילקוט במשלי) . בייא אקינד איז גיוועזן אוואונד אויף זיין לייב און זיין פאטער איז גיוועזן אגרויסער דאקטער האט ער אים גיגעבן אפלאסטער און ער זאגט צו אים אז דער פלאסטער ליגט אויף דער וואונד וועט דיר זיין ארפואה, אזוי אויך מיר זיינען אלע אונזערע נשמות אין וואונדין מחמת די עבירות און גאט איז אונזער פאטער און ער איז ארופא חנם האט ער אונז גיגעבן ארפואה פאר דער נשמה די תורה לערנען, דאס בעטין מיר „רפאנו ד' ונרפא" גאט הייל אונזער נשמה פון אירע וואונדין גיב אונז אגוט הארין אז מיר זאלין וועלין לערנען תורה וועט דאס זיין ארפואה פאר דער נשמה און פאר דעם גוף גיב אויך ארפואה אז מיר זאלין גיזונד זיין און מען זאל כח האבן צוא לערנען תורה.

**ותן** טל ומטר לברכה (תענית) . עס האט אחודש ניט גירעגינט גיזען די חכמים צו חונה המעגל ער זאל בעטין בייא גאט עס זאל גיין רעגין האט ער גימאכט אקרייז און זאגט איך שווער ביי דיין הייליגין נאמען אז דו זאלסט הערין מיין בקשה און דו זאלסט רחמנות האבן אויף דיין פאלק ישראל און דו זאלסט געבן רעגין, האבן די הימלען אן גיהויבן טראפין וויס רעגין צוא לאזין, זאגט דער חונה המעגל איך האב גיבעטין ביי דיר גאט עס זאל געבן רעגין אז אלע גריבער פון וואסער זאלין דער פילט ווערין, הויבט אן צו רעגענען שטארק, זאגט דער חונה המעגל איך האב גיבעטין אז עס זאל גיין ארעגין מיט ברכה, הויבט אן דער רעגין צו גיין כסדר ווייא שטענדיג, דאס בעטין מיר ביי גאט „ותן טל ומטר לברכה" גאט גיב אונז רעגין מיט טוייא עס זאל זיין מיט אברכה ניט טראפינס וויס און ניט צו גרויס און צו פיל.

**מלך** אוהב צדקה ומשפט (זוהר הקדוש פ' בהר)

ר' חייא מיט ר' יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג האבן זיי באגעגינט צוויי מענשין, איז גיקומען נאך אמענש און האט גיבעטין בייא זייא ברויט צו עסין און האט זייא גיזאגט אז ער האט ניט גיגעסין דריי טעג. איין מענטש פון די צוויי מענטשין וואס ר' חייא מיט ר' יוסי האבן זיי באגעגינט האט גיגעבין ברויט צו דעם מענטשין וואס ער איז הונגעריג. רבי חייא האט גיהאט צער פאר וואס ער האט ניט גיטאן די מצוה צו געבין ברויט דעם הונגעריגין מענטש, זאגט אים רבי יוסי האב ניט קיין צער גאט האט אים גיגעבין די מצוה כדי ער זאל בלייבין לעבין, דער מענטש וואס האט גיטאן די מצוה איז אנטשלאפין גיווארן אונטער אבוים, רבי חייא מיט רבי יוסי זעהען ווייא אפלאם פייער שטייט בייא דעם מענטשין און אשלאנג נידערט אראפ פון בוים וואס דער מענטש שלאפט און וויל טויטין דעם מענטשין, איז ארויף גיגאנגען דער פייער אויף דעם קאפ פון שלאנג און האט פאר ברענט דעם שלאנג און דער מענטש שלאפט און ער וויס ניט דעם נס וואס גאט האט מיט אים גיטאן, ווען ער האט זיך אויף גיכאפט פון שלאף האבן זיי אים דער ציילט דעם נס וואס האט אים גיטראפין. דאס איז וואס שטייט אין תפלה „אוהב צדקה" גאט האט ליב דעם מענטש וואס גיט צדקה, „ומשפט" גאט טוט אמשפט צו שטראפין דעם וואס וויל טאן שלעכטעס דעם בעל צדקה, אזוי ווייא די שלאנג האט גיוועלט טויטין דעם מענטש וואס ער האט גיגעבין

ברויט

ברויט דעם הונגעריגן מענטש איז אראב אפייער און האט פאר ברענט דעם שלאנג.

**אלהי** נצור לשוני מרע (תעניות פ"ג). רבי אליעזר האט גירימטען אויף איין אייזעל האט ער באגעגנט אמענטשין זייער אהעסליכן זיין פנים איז גיווען אזוי העסליך דאס מען האט ניט גיקענט קוקן אויף אים האט ר' אליעזר גיזאגט לאכינדיג דיינע איינוואוינער פון דיין שטאט זייגען אויך אזוי העסליך וויא דו, האט דער מענטש גיענטווערט דו זאלסט גיין צו מיין באשעפער און פרעג אים ווארום האט ער מיר אזוי העסליך באשאפין, רבי אליעזר האט פערשטאנען דאס ער האט גיזינדיגט געגין גאט און געגין דעם מענטשין און האט אים גיבעטין אז ער זאל אים מוחל זיין אויף זיינע רייד וואס ער האט געגין אים גיזינדיגט, דער מענטש האט אים ניט גיוואלט מוחל זיין און זיינע גוטע רייד האט ער ניט גיוועלט הערין, קומענדיג אין שטאט זייגען אלע מענטשין פון שטאט ארויס גיגאנגען אים אנטקעגין אלע האבין גישריען שלום עליך רבי, דער מענטש האט גיפרעגט וועמען מיינט איר דאס וועמען רופט איר מורינו ורבינו אשאנדרע אים צו צונעמען בכבוד, האבין זיי אים גיענטפערט דו ווייסט דען ניט אז דער רבי אליעזר איז אגרויסער חכם אידישער פאלקס לעהרער, האט דער מענטש גיזאגט זאלין ביי יודין ניט גימערט ווערין אזעטיקע, ער האט זיי דער ציילט וואס מיט אים האט זיך פאסירט, די גאנצע שטאט האט אים גיבעטין אז ער זאל איהם מוחל זיין ווייל ער איז אגרויסער למדן האט דער מענטש גיענטפערט צוליב אייך וועל איך אים מוחל זיין נאר בתנאי אז ער זאל נאך אמאל ניט ריידין אזעלכע רייד, דאס בעטין מיר „אלהי נצור לשוני מרע" גאט היט איין מיין צונג איך זאל ניט ריידען קיין שלעכטעס אויף די אנדערע מענשין.

**ולא** שוה לנו (מד"ר איכה). ר' יודן האט גיזאגט למשל דער קנעכט פון אשררה האט גימאכט אסעודה אלע מענטשין האט ער גיבעטין צו זיין אויף דער סעודה און דעם שררה האט ער ניט גיבעטין אז ער זאל קומען אויף דער סעודה, זאגט דער שררה הלואי וואלט איך גיווען גלייך מיט אלע מענטשין, אזוי אויך זאגט גאט אגאנצין טאג טוען זיי זייערע עסקים און זאגין ניט אז זיי זייגען מיד און תפלה צוא וואן זאגין זיי אז זיי זייגען מיד, דאס זייגען מיר זיך מתודה צו גאט און מיר זאגין „ולא שוה לנו" עס איז ניט גלייך ביי אונז דער כבוד פון גאט צוא אונזער כבוד, מיר האלטין אונזערע עסקים בעסער צו טאן וויא צוא טאן דעם עסק פון צו דינען גאט, בעטין מיר דיר גאט אז דו זאלסט אונז מוחל זיין אויף עבר און אויף ווייטער וועלין מיר דינען דיר און צו טאן דיין רצון גרעסער פאר אונזערע עסקים.

**לא** ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ד' מעתה ועד עולם (ילקוט שמעוני). רבי חמא בר ביסא האט אמאל פאר לאזין זיין פרויא מיט די קינדער און האט זיך אוועק גיזעצט אין אבית המדרש לערנען צוועלף יאר, נאך דעם איז ער גיקומען צוריק אין זיין שטאט האט זיין זון ר' הושעיה גיפרעגט ביי אים פיל שאלות גרויסע אין לערנען דאס ר' חמא זיך זייער גיפרייט און האט גיזאגט אפאדים אין דרייען גידרייט רייסכו זיך ניט גיך פונאנדער דאס מיינט מען מיין זון ר' הושעיה האף איך צו גאט אז אויף מיר זאל מקויים ווערין דער פסוק „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ד' מעתה ועד עולם:

**ולא** נשבע למרמה ישא ברכה מאת ד' וצדקה מאלהי ישעו (מדרש עשרת הדברות). מעשה עס איז

גיוועזן

געוועזן א גרויסער עושר און אין זיין גאנצן לעבן האט ער קיין מאל קיין שבועה ניט געטאן, פאר זיין טויט האט ער פארזאגט זיינע קינדער אז זיי זאלן אויך קיין מאל ניט שווערן, די קינדער האבן אים צוגעזאגט זיין צוואה צו האלטן, איז געקומען א שלעכטער מענטש צום זון וואס איז אין פאטערס הויז און זאגט צוא אים באצאלט מיר טויזנט גילדין וואס דיין פאטער האט ביא מיר געליען, זאגט דער זון עס איז שקר האבן זיא געהאט אדין תורה פסקנת אב בית דין אז דעם זון קומט א שבועה אז ער ווייס ניט דער פון, האט דער זון באצאלט ער האט געזאגט איך וויל ניט עובר זיין אויף דער צוואה פון מיין פאטער האטשע איך ווייס אז עס קומט אים ניט, זיינען געקומען פיל שלעכטע ליט און מאנען ביא אים געלט און זאגן אז דיין פאטער האט ביא זיי געליען געלט ווארום זיא זיינען געוואר געווארין אז ער שווערט ניט אפילו האטשע אויף איין אמת. האט ער זיא גיצאלט באצאלן ווייל שווערן האט ער ניט געקענט ער האט זיין גאנצן פארמעגין אוועק געגעבין, דערום וואס ער האט ניט געוואלט שווערין און האט גיהיט דעם פאטערס צוואה, האט ער געפינען איין אוצר מיט אסך געלד, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „ולא נשבע" ער האט ניט געשווארין „למרמה" צו דעם רמאי אפ צו לייקענען אים אפילו אמת צוא שווערן, „ישא ברכה מאת ד'" ווערט ער האבין ברכה פון גאט:

## ברכת המזון

ועל הכל ד' אלהינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך. (פל"ל סה"ם). איין שררה האט גימאכט איין סעודה איז גיוועזן א גרויסער טיש מיט מענטשין צו דער סעודה און אקלייגער טיש מיט מענטשין, די מענטשין וואס זיצען ביי גרויסין טיש האבין זייא גידאנקט און געלויבט אים, און דיא מענטשען וואס זיצין ביי אקליינעם טיש האבין זייא גישאלטין דעם שררה האט דער שררה גיוואלט צו טרייבין זיי. זאגט די פרויא פון שררה ניט קוק אויף די מענטשין וואס זייא זיצען ביין קליינעם טיש קוק אויף דיא מענטשין וואס דיא זיצען ביין גרויסין טיש וואס זייא דאנקען דיר. אזוי אויך אז די אידין עסין און טרינקען בענטשין זייא ברכת המזון, און אז די געטצענדינער עסין דער צארענען זייא גאט מיט זייערע רייד וואס איז מיאוס ווערט גאט אין כעס אויף דער וועלט, איז דיא תורה לערנט אין זכות אויף דער וועלט און זאגט צו גאט, ניט קוק אויף די געטצענדינער וואס זייא דער צארענען דיר מיט זייערע מעשים און זייערע מיאוסע רייד, קוק אויף דיא אידען וואס נאך זייער עסין זאגין זייא ברכת המזון, דאס שטייט אין בענטשין „ועל הכל ד' אלהינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך" אויף אלע טובות וואס דו טוסט מיט אונז לויבין מיר און דאנקען דיר, ניט וויא די געטצענדינער וואס זייא עסין און דאנקען דיר ניט גאט, קוק ניט גאט אויף זייא קוק בעסער אויף אונז אידען און אויף אונזערע מעשים, און דוא זאלסט ניט זיין אין כעס אויף דער וועלט.

(סנהדרין צ"ח). ר' יהושע בן לוי האט געפרעגט ביים אליהו הנביא ווען וועט קומען משיח, האט אים אליהו הנביא געענטפערט פרעג ביים משיח, זאגט ר' יהושע זאג מיר וואו זיצט ער וועל איך וויסן וועלכער מענטש איז משיח, האט אליהו הנביא גיזאגט ער זיצט פאר דעם טויער פון רום צווישען די קראנקע, אלע קראנקע מענטשן בינדען אויף און בינדען צו עטליכע וואונדין צוזאמען און משיח בינד אויף און בינד צו איינציג ווייס, איז ער גיקומען צו משיח און פרעגט ווען וועסטו קומען, האט משיח גיענטפערט היינט, זאגט ר' יהושע בן לוי איך בין גיקומען צו אליהו הנביא און האב צו אים גיזאגט משיח האט מיר אפ גינארט דען ער האט צו מיר גיזאגט אז ער וועט היינט קומען און ער איז ניט גיקומען, זאגט מיר אליהו הנביא ער האט גימיינט אז איר וועט פרום זיין און איר וועט אלע תורה לערנען וואלט ער גיוועזן היינט גקומען, דאס איז וואס שטייט „היום אם בקולו תשמעון" היינט וועט קומען משיח אויב אז איהר יודין וועט דעם קול פון גאט צוא הערין, דאס איז צוא לערנען דיא היילינגע תורה און צוא טאן מצות.

קול ד' שובר ארזים (תהלים כט). אמענטש וואס ער איז גיוועזן א גרויסער צדיק האט גיהאט קינדער וואס זייא האבין גילערנט תורה. ווען ער האט גינומען די אנדערע פרויא און זיא האט מולד גיוועזן בנים וואס זייא ווילן ניט לערנען תורה זאגט דער פאטער צו די שלעכטע קינדער וואס דארף איך די פעלדער און די הייזער עס זאל זיין פאר אייך אז איהר ווילט ניט לערנען אונזער היילינגע תורה. אזוא אויך דאס גלייכין אז דיא אידין וועלין ניט וועלען לערנען תורה וועט דער קול פון גאט צוא ברעכין די טעגען בוימער דאס מיינט מען די אידען וואס לערנען ניט תורה זיינען זיי גלייך צו א טעגעם בוים אזוא וויא א טעגען בוים וואקסט ניט אויף אים פירות. אזוי אויך דער יוד וואס ער לערנט ניט איז ער ניט שיין:

## תפלת ערבית

ומסדר את הכוכבים (ילקוט שמעוני). א שרה האט גיזאגט צו רבי גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אז גאט איז מסדר דיא שטערין און ציילט זייא איך קען אויך די שטערין ציילין נעמט רבי גמליאל איין זיפ און לייגט אריין אין איר קוויטען און שאקעלט די זיפ און זאגט צום שרה צייל די קוויטען, זאגט דער שרה האלט די זיפ אויף איין ארט וועל איך קענען ציילין. זאגט רבי גמליאל דער הימל שטייט אויך ניט אויף איין ארט די גלגלים גייען ארום וויא אזוי וועסטו קענען ציילין די שטערין דאס שטייט „ומסדר את הכוכבים" גאט איז מסדר דיא שטערין און ציילט זייא, אבער ניט א מענטש קען ציילין די שטערין.

ונקמה בפרעה (מד"ר משפטים). למשל גנבים זיינען אריין גיגאנגען אין ניין גארטין פון מלך און האבין צו בראכין די ביימער פון ניין גארטין, האט דער מלך די גזלנים צו בראכין, אזוי אויך די מצרים האבין צו בראכין דעם ניין גארטין פון גאט דאס זיינען די אידין זייא האבין די אידין גיטאן גרויסע צרות האט גאט דיא מצרים צובראכין אין שטאט. מצרים מיט די מכות, און אין ים זיינען זייא גיווארין דער טרונקען, דאס איז דאס שטייט

[illegible]

„ונקמה בפרעה" גאט האט גענומען נקמה פון פרעה.

**והסר** שטן מלפנינו ומאחרינו (קידושין פ"א). דער צדיק פלימו פלעגט שילטין דעם שטן, ערב יום כפור האט זיך דער שטן פאר שטעלט פאר איין ארומאן און איז געקומען צוא פלימו און בעט אשטיקעל ברויט ביין טיר, זאגט פלימו קום אין שטוב צו מיר און עס ברויט, זאגט ווידער דער פאר שטעלטער שטן איך זאל עסין איינער אליין אין אזא הייליגין טאג וואס אלע מענטשין עסין צו זאמען, אזוי בעט אים פלימו צום טיש, האט ער זיך געזעצט צום טיש און גענומען שנייצין דעם נאז און צו גאווערין פון מויל, זאגט צוא אים פלימו זיץ גלייך וואס מאכסטו זיך אזויא מיאוס, פלימו האט ווין געטרונקען זאגט דער פאר שטעלטער ארומאן גיב מיר אויך אבעכער ווין, גיט אים פלימו ווין, הויבט ער אן אין דעם בעכער צו שפייען ער האט דאס אלין געטאן כדי ער זאל דעם פלימו דער צארענען ער זאל זיך מצער זיין ווייל ער שילט אים אלע טאג, דער נאך אז ער האט ווייטער געוועלט טרינקען פאלט אים דער בעכער פון האנט, זאגט צו אים פלימו זיץ וויא אמענטש אדער גייא פון דאנען ארויס, מאכט זיך דר שטן אגידער פאלין און מאכט זיך גלייך וויא ער איז טויט, איז געווארין אקול אין גאס אז פלימו האט איין ארומאן בייא זיך ממית געוועזען, אנטלויפט פלימו אין בית המדרש אריין ווארום ער שעמט זיך שטארק, וויא דער שטן זעהט אז פלימו איז זיך אזוי פיל מצער מאכט ער זיך אז ער ווערט צוריק לעבעדיג און ער גייט צו פלימו און זאגט אים דוא זאלסט וויסען אז איך בין דער שטן וואס דו שילסט מיר אלע טאג דערום האב איך דיר געוואלט אביסיל מצער זיין איצונד זאג איך דיר אז דו זאלסט מיר שוין מער ניט שילטין, זאגט פלימו וויא אזוי זאל איך דיר ניט שילטין אז דו ביסט דער יצר הרע, זאגט צו אים דער שטן בעט גאט אז ער זאל דעם יצר הרע אין גאנצין פון דיר אפ נעמען, דאס בעטין מיר „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" גאט נעם צו דעם שטן פריער ער זאל ניט מאכין שטרויכלען אונז מיט עבירות און דער נאך זאל ער ניט האבין וואס צו מסטרן פאר גאט אויף אונז.

**וכל** בניך למודי ד' ורב שלום בניך (ישעיהו נ"ד). איין קינד וואס זיין פאטער האט מיט אים געלערנט חומש ספר בראשית, דר קינד איז געפאנגען געווארין און ער האט גענומען מיט זיך דעם חומש בראשית און מען האט אים אריין געזעצט אין תפיסה און זיין חומש בראשית האט מען אריין געלייגט אין דעם אוצר פון שררה, דעם שררה איז זיין שכל צו מיסט געווארין, פאר זאגט דר שררה אז מען זאל אים ברייגען פון זיין אוצר אבוך צוא לייענען פאר אים געשיכטעס, געפינט מען אין אוצר דעם ספר בראשית און אלע שרים פון שררה קענען ניט לייענען דעם ספר, האט מען געזאגט דעם שררה דאס עס איז איודישער ספר און אין תפיסה איז פאראנען איודישער קינד, האט מען געבראכט דעם קינד וויא ער האט דער זעהען דעם חומש בראשית זיינעם נעמט ער קושין דעם חומש און לייענט פאר דעם שררה פון בראשית ביז ויכולו, דער שררה האט דערהערט דעם שבח פון גאט אז ער האט באשאפין אלע וועלטין, איז ער אויף געשטאנען פון זיין שטול און האט געקושט דעם קינד און זאגט איך וויים אז גאט האט מיר געגעבין מיין קראנקייט מער ניט אום איך זאל דיר מאכין פרייא פון תפיסה, גיט דער שררה דעם קינד אפילו גאלד מיט זילבער און שיקט אים אוועק צו זיין

פאטער

פאטער מיט גרויס כבוד, דאס איז וואס ,,ורב שלום בניך" שטייט ,,וכל בניך למודי ד'" אז דיינע קינדער וועלין זיין געלערנט צו די תורה וואס פון אונזער גאט וועט דענסטמאל זיין גרויס שלום צווא דיינע קינדער.

# אשת חיל

אשה יראת ד' היא תתהלל (מדרש משלי). אז רבי מאיר האט גיזאגט תורה אין בית המדרש שבת פאר מנחה זיינען גישטארבין זיינע צוויי בנים ביי אים אין זיין שטוב. זייער מוטער האט זיי אוועק גילייגט אויף א בעט און זיי צו גידעקט מיט א קאלדרע. מוצאי שבת איז גיקומען רבי מאיר פון בית המדרש פרעגט ער ביי זיין פרויא וואו זיינען אונזערע בנים זאגט זיא אין בית המדרש זיינען זייא. זאגט רבי מאיר איך האב גיקוקט אין בית המדרש און זיי זיינען נים גיוועזן. גיט זיא אים א כוס של הבדלה האט ער גימאכט הבדלה, פרעגט ר' מאיר נאך אמאל וואו זיינען אונזערע בנים, זאגט זיא אפטמאל זיינען זיי אוועק אין יענעם ארט און יעצט קומען זיי האט זיא אים גיגעבין עסין אז ער האט אפ גיגעסין און גיזאגט ברכת המזון זאגט זיא צו אים איך וועל ביי דיר פרעגין א שאלה א מענטש האט מיר גיגעבין באהאלטין א פקדון זאל איך אים אוועק געבין צו ניט, ענטפערט רבי מאיר גיוויס דארף מען אוועק געבין האט זיא גיזאגט אן דיין ידיעה האב איך ניט גיוואלט געבין. פירט זיא איהם אוועק אין צימער וואו די טויטע קינדער ליגען און האט אים גיזאגט דאס איז דער פקדון, ר' מאיר האט גיוויינט און גיקלאגט און זאגט ,,בני, בני" מיינע טייערע בנים אין תורה און אין דרך ארץ פאר מיר און פאר אלעמען זייט איר גיוועזן מיט דרך ארץ: ,,רבי, רבי" איר זייט גיוועזן מיין רבי, האט די מוטער פון די בנים צו ר' מאיר גיזאגט וואס קלאגסטו דוא האסט גיזאגט אז מיא דארף אוועק געבין דעם פקדון צו גאט זיא האט איהם גיטרייסט, איז ער גישטילט גיווארין פון גיוויין, זייא זיינען גישטארבין ווייל זייא פלעגין אוועק גיין פון זייער פאטערס דרשה און עוסק זיין באכילה ושתיה, דאס איז וואס שטייט ,,אשה יראת ד' היא תתהלל" איין אשה וואס זיא האט מורא פאר גאט דיא אשה קענען איר בארימען קענען זאגין אויף דער פרויא פון ר' מאיר אז זיא איז אשה יראת ה' אירע צוויי בנים זיינען גישטארבין אין איין צייט און פלוצלונג און זיא האט ר' מאיר גיט מבטל גיוועזן פון לערנען אין בית המדרש און גיט גיזאגט אין די גרויסע גזירה ביז נאך הבדלה און נאך דיין עסין און ברכת המזון, און זיא האט נאך רבי מאיר גיטרייסט.

# שחרית לשבת

ובדברי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתרומם (חולין כ"ה). רבי פינחס בן יאיר איז גיגאנגען פיל גיפאנגענע אויסלייזן איז ער גיקומען צו א טייך וואס הייסט גנאי, זאגט רבי פינחס צו דער גנאי צו טייל דיין וואסער איך זאל דורך גיין, האט זיך די וואסער צו שפאלטין אויף צוויי זייטין און רבי פינחס גייט דורכין אריבער, קומט א מענטש און

טראגט אויף זיך חיינץ צו מאלין צוא באקן מצה אויף פסח זאגט ווידער ר׳ פינחס צום וואסער צו שפאלט זיך פאר דעם יודענס ווענן ער גייט אמצוה טאן, שפאלט זיך דאס וואסער אונ דער יוד איז אריבער גינאנגען טרוקין, אונ מיט דעם יוד איז גינאנגען איין ערבי זאגט רבי פינחס ווידער צו דעם וואסער שפאלט זיך פאר דעם ערבי ווענין אויך כדי מען זאל ניט זאגין איין חבר איז מיט אים גינאנגען אונ האט אים היגטען נילאזין, האט זיך דער וואסער ווידער גישפאלטין, דערויף זאגט ר׳ יוסי וויא היילינג איז דער רבי פינחס בן יאיר נאך מער וויא משה רבינו וואררום ביי משה רבינו האט נאט גישפאלטין דעם ים איין מאל אונ פון כלל ישראל, אונ דא ביי רבי פינחס בן יאיר איז נאר דריי מענטשין גיוועזען אונ דאס וואסער האט זיך דריי מאל גישפאלטין דאס איז וואס עס שטייט אין תפלה „ובדברי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתרומם“ דורך דיא רייד פון דיא צדיקים אונ חסידים ווערסטו גאט גילויבט אונ דער הויבין אלע באזונקען דיר וואס ביי דיר איז טייער דער צדיק אונ דער חסיד וואס ער איז גוזר ביזטו מקיים.

**לישני** עפר (סדר סדורות). איין מלך האט גיזאגט צו ר׳ שלמה הצדיק איך וויל עפענען דעם קבר פון יחזקאל הנביא איך וויל אים זעהען, זאגט ר׳ שלמה צום מלך דוא ווערסט אים ניט קענען זעהען מער נישט ניט ווייט פון אים איז דער קבר פון ברוך בן נריה זיין תלמיד אז דו ווערסט אים קענען זעהען ווערסטו יחזקאל הנביא אויך קענען זעהען, שיקט דער מלך נאך זיינע שרים זייא זאלין קומען זעהען ברוך בן נריה איז דער וואס האט זיך אן גירירט פון דיא ישמעאלים צו עפענען דעם קבר איז ער תיכף גשטארבן, זאגט איין אלטער ישמעאל צום מלך דער ברוך איז איוד זאלסטו נוזר זיין אויף דיא יודין אז זייא זאלין עפענען דעם קבר פון ברוך בן נריה, האט דער מלך גוזר גיוועזן אויף דיא יודין אז זייא זאלין עפענען דעם קבר פון ברוך בן נריה, האבין די אידין גיבעטין דעם מלך אז ער זאל זייא געבין צייט דריי טעג כדי זיי זאלין האבין צייט תפלה צו טאן צו גאט אונ מחילה בעטן ברוך בן נריה וואס מען וועט עפענען זיין קבר וואס דאס איז ניט זיין כבוד, גינג זיי דער מלך דרייא טעג נאך די דרייא טעג שיקט דער מלך נאך די אידען אז זיי זאלין שוין עפענען דעם קבר פון ברוך בן נריה איז דער מלך גיקומען מיט זיינע שרים אונ די אידען האבין אויף גיעפינט דעם קבר אונ זייא איז ניט גיוועזין קיין שאדין אונ מען האט אים גיפונען ער ליגט אין זיין קאסטין פון מירמעל שטיין גלייך וויא ער ליגט אונ שלאפט. דאס איז וואס שטייט „ומקיים אמונתו לישני עפר“, ווארום עס שטייט איין משל „ורקב עצמות קנאה“, די ביינער פון בעל מקנא ווערט פארפוילט ווערין אונ די צדיקים וואס זייא זיינען ניט מקנא ווע׳ין זייא ניט פאר פוילט ווערין, איז דאס גאט מקיים אונ די ביינער פון ברוך בן נריה איז ניט פאר פוילט גיווארן, אזוי אויך אלע צדיקים וואס זייא האבין ניט דיא מדה פון קנאה ווערט ניט פאר פוי׳ט זייערע ביינער אין קבה:

**רב** להושיע (הליכו זוטא). איין שרה האט ניהאט אפרויא אגוטע אונ אפרומע אונ אירע קינדער איז אויך גוטע אונ פרומע, אונ ער האט גינומען אפרויא נאך איינע וואס זיא איז ניט אגוטע אונ אירע קינדער איז אויך שלעכטע אונ טוען דעם שרה גרויסע צרות. זאגט די ערשטע ווייב צום שרה פאר וואס האסט דו גינומען אזא שלעכטע פרויא אונ אזא מיעסע אונ אזיע

קינדער

קינדער טוען דיר גרויסע צרות ענטפערט איר דער שרה איך וועל שוין ניט אריין גיין צו איר אין שטוב, אזוי אויך זאגין דיא אידען צו גאט פאר וואס העלפסטו דיא ישמעאלים זיי האבטו אוועק גיגעבין ארץ ישראל אונ עס איז זייא גוט, זייא דער צארעגן דאך דיר גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. זאגט גאט צוא די אידען „רב להושיע" איך גאט וועל אייך העלפין אונ ניט דיא ישמעאלים.

ופת לאורחים וצדקה לעניים (סדר הדורות). עס איז גיוועזען אמענטש וואס ער האט גיהייסען בן סבר האט ער פאר קויפט אלע חפצים אונ איז גיגאנגען צו מאכין חתונה איין ארומען בחור מיט די געלט, אונ עס איז גיוועין ווען ער האט שוין דעם ארומען בחור חתונה גימאכט אונ ער איז שוין גיגאנגען צוריק אהיים איז ער גיקומען צו אטייך וואס דארטין איז אגרויסע שלאנג אגרויסער מויק, וויא דער בן סבר האט גידארפט אריבער גיין דעם טייך האט זיך דיא שלאנג דיא גרויסע אוועק גילייגט פון איין ברעג טייך ביז דער אנדער ברעג טייך וויא אבאלקין, איז ער אריבער גיגאנגען דעם טייך אויף דיא גרויסע שלאנג, האט ער באגעגינט אמענטשין וואס ער ווייזט אויס זייער מיאוס (דאס איז גיוועזען דער מלאך המות ער האט זיך פאר שטעלט וויא אמענטש) אונ האט צו אים גיזאגט דיין צייט איז גיקומען צוא שטארבין, דער בן סבר טוט תפלה צו גאט אונ זאגט, רבונו של עולם איך האב גילערינט אונ גיטאן צדקה אונ גמילות חסדים אונ איך גייא פון אזא מצוה איך האב גימאכט חתונה איין ארימין יתום זאל איך שטארבין וויא אבהמה אויף דעם פעלד, איז ארויס אבת קול אונ האט גיזאגט מען ניט דיר צייט צוא לעבין ביז דו וועסט קומען אהיים אונ דוא וועסט שטארבין אויף דיין בעט, איז דער מלאך המות אוועק גיגאנגען פון אים, איז דער בן סבר גיקומען אין אשטאט האט ער גיבעטין אז מען זאל אים אריין פירען צוא אתלמיד חכם וואס ער איז אצדיק, האט מען אים אריין גיפירט צו אצדיק וואס ער הייסט שפיפון בן ליש, האט שפיפון מיט אים זיך זייער דער פרייט אונ ער האט דער זעהען אז דער בן סבר אז זיין פנים איז גרין אונ געל פון שרעק פון מלאך המות, פרעגט בייא אים שפיפון וואס פעלט דיר וועל איך דיר אלץ געבין, זער בן סבר האט אים דער ציילט אז דער מלאך המות האט אים גיוואלט טויטען אויף דעם פעלד, זאגט שפיפון צו אים האב ניט קיין פורכט איך האב אגרויסען בטחון צו גאט אז ער וועט דיר איין היטען פון טויט, אין דרייא טעג ארום קומט דער מלאך המות צוא שפיפון אונ זאגט צו אים גיב מיר אוועק דעם פקדון וואס איך האב בייא דיר. שפיפון ענטפערט אים זאג מיר וואס פאר אפקדון האסטו דו בייא מיר. זאגט דער מלאך המות דיין נשמה אונ די נשמה פון בן סבר דארף איך צו געמען. ענטפערט שפיפון אים דו זאלסט ארויס גיין פון מיין שטוב דו האסט בייא מיר ניט קיין פקדון, דער מלאך המות איז גיקומען זו גאט אונ זאגט רבונו של עולם שפיפון נוטרייבט מיר ארויס פון זיין שטוב. זאגט גאט שפיפון'ס נשמה זאלסטו ניט געמען אונ די נשמה פון בן סבר זאלסטו יע געמען קומט דער מלאך המות צו שפיפון אונ זאגט אים גאט האט מיר גיזאגט דיין נשמה ניט צו געמען אונ די נשמה פון בן סבר יע צו געמען פון אים. זאגט שפיפון די נשמה פון בן סבר וועסטו אויך ניט געמען ער האט גיטאן אגרויסע מצוה גימאכט חתונה איין ארעמען יתום דארף ער לעבין עס שטייט „צדקה תציל

סגולת" איז ארויס אבת קול אונ האט אויס גישריען וואס זאלן מיר טאן אז די צדיקים זייען מבטל אונזערע גזירות, זאנט נאט צום מלאך המות זאג זיא אז מען האט זיי ביידען דער לייבט צו לעבין צוא זייערע יארין וואס זיי האבין אפ גילעבט נאך צו זיבעציג יאר לעבין. דאס איז וואס שטייט „צדקה לענים" אז מען גיט צדקה צוא ארעמע מענטשין „הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם" איז הקדוש ברוך הוא אליין באצאלט זייער שכר ניט דורך אשליח, אזוי וויא צו דעם בן סבר האט גאט אליין באצאלט זיין שכר, אונ האט גיזאגט אז מען זאל זיא דער לייגען לעבען נאך צוא זיבעציג יארין.

**חיים** שיש בהם יראת שמים (מכפטים מד"ל).

עם שטייט „יראת ד' היא אוצרו" אמענטש האט גיזאגט צוא זיין חבר איך האב טויזינט מאס תבואה טויזינט מאס בוימיל אונ טויזינט מאס וויין. זאנט צוא אים זיין חבר אויב דו האסט וואו צו האלטין זיא וועסטו האבין זיא אין גאנצין אונ אויב דוא האסט ניט וואו צו האלטין זיא איז גלייך וויא דו האסט גאר ניט ווארים מען וועט דאס צו נעמען, אזוי אויך איז אמענטש לערינט תורה אונ האט מורא גאר גאט איז גוט דער לערנען אונ אז ער האט ניט קיין יראת שמים איז זיין לערנען תורה אויך ניט גוט, דאס בעטין מיר ביא גאט „חיים שיש בהם יראת שמים", מיר זאלין האבין אלעבין פון יראת שמים:

**וכפר** אדמתו עמו (מד"ל ויתי). ר' אליעזר האט גיזאגט אז דער מענטש ווערט אין ארץ ישראל באגראבין איז גאט אים מכפר אונ איז אים מוחל אויף זיינע עבירות, ווארום עם שטייט „וכפר אדמתו עמו" עם ווערט כפרה געבין אויף די עבירות פון זיין פאלק אידין דורך זיינע ערד פון גאט דאס איז ארץ ישראל אז מען ווערט באגראבין אין ארץ ישראל.

## מוסף לשבת

**לישני** עפר (סדר כדורות). רב עמרם איז גיווען זיין זיצונג אין דער שטאט מגנצא וואס די שטאט איז ביא דער טייך רינוס איז ער אוועק גיגאנגען צוא דער שטאט קלוניא צו מאכין אישיבה פון תלמידים צו לערנען תורה, פאר זיין טויט האט ער גיבעטין זיינע תלמידים אז מען זאל אים מקבר זיין אין מגנצא אונ מען זאל אים מטהר זיין אונ אריין לייגין אים אין אקאסטין אונ אריין לייגין דיא קאסטין מיט אים אין אשיפעלע אקליינע אונ אוועק לאזין גיין אויף דעם טייך אונ דיא שיפעלע זאל גיין אליין אן מענטשין וועט זיא אליין קומען אין מגנצא, ווען ער איז גישטארבין האבין די תלמידים אזוי אים גיטאן, איז דער שיף מיט רב עמרם אוועק גיגאנגען אליין אונ איז גיקומען אין דער שטאט מגנצא, דיא ישמעאלים האבין דאס דער זעהען אז איין שיף מיט אקאסטין איז גיקומען האבין זיי גיוועלט צוא נעמען דעם שיף האט ער זיך ניט גילאזט נעמען, דער שיף פלעגט זיך אב רוקען פון די ישמעאלים, אונ אז דיא אידין פלעגין אים וועלין נעמען לאזט זיך דער שיף יע נעמען, האבין די אידין אויף גיעפינט דעם קאסטין האט מען דער זעהן אז עם ליגט איין טויטער מענש אונ אבריף ליגט אונ עם שטייט אויף גישריבין מיינע ברידער אונ מיינע גוטע פריינד פון מגנצא איך בין גיקומען צו אייך איך בין גישטארבין אין דער שטאט קלוניא בעט איך אייך צו

איז

איר זאלט מיר מקבר זיין דארט וואו מיינע עלטערין ליגען אין קבר, גאום עמרם. אז די אידען האבין דערזעהן אז ער ליגט טויט רב עמרם און זיין בריף, האבין זיי גיקלאגט און גיוויינט זייער און האבין אים ארויס גינומען פון שיף. די קאפטין מיט רב עמרם, די ישמעאלים האבין גיוואלט צו נעמען די קאפטען מיט רב עמרם אבער זייא האבין ניט גיקענט רירען פון ארט און די אידען האבין אים אוועק גיטראגין און האבין אים מקבר גיוועזין וואו דיינע עלטערין ליגען אין קבר, דאס איז וואס שטייט „לישני עפר" די צדיקים אז זייא שטארבין און מען דארף זיי לייגין אין דער ערד זייען זייא גלייך וויא זיי וואלטין שלאפין לעבעדיגערהייט אזויא וויא רב עמרם נאך זיין טויט האט ער ניט גיוואלט אז די ישמעאלים זאלין אים נעמען.

ועל נשמותינו הפקודות לך (סוכה פרק ה׳). בייא שלמה המלך איז גיוועזין צוויי קנעכט שרייבערס איינער האט גיהייסין אליחורף און דער אנדערער האט גיהייסין אחיה, שלמה המלך האט גיזעהען אז דער מלאך המות איז זייער טרויעריג פרעגט ער בייא אים פאר וואס איז ער טרויעריג האט ער גיענטפערט אז מען הייסט מיר אז איך זאל די נשמות פון דיינע שרייבערס זאל נעמען, האט שלמה המלך גינומען דיא ביידע שרייבערס און זייא איבער גיגעבין צו די שדים אז זייא זאלין זייא איבער פירין אין מקום וואס הייסט לוז וואס אין דיזער שטאט שטארבט קיינער ניט דער מלאך המות קומט ניט אהין, וויא די צוויא מענטשין זיינען גיקומען נאהענט צו דעם טויער פון לוז זיינען זייא גישטארבין, דעמ אנדערין טאג זעהט שלמה המלך דעם מלאך המות דאס ער איז שטארק לוסטיג, פרעגט ער בייא אים וואס איז ער אזוי לוסטיג, זאגט דער מלאך המות דו האסט זיי גישיקט אין דעם ארט וואו זייער גזר דין איז צו שטארבן און ביי דיר אין שטוב איז ניט גיוועזן זייער גזר דין פון גאט אז זייא זאלין שטארבן, ניט וואו איך וויל קען איך צו נעמען די נשמות מער נישט וואו גאט וויל אז אין דיעם ארט זאל דער מענטש שטארבין, דאס איז וואס שטייט אין תפלה מיר דאנקען דיר גאט וואס אונזערע נשמות איז בייא דיר גאט באהאלטין וואו דו ווילסט אז דער מענש זאל שטארבין אין יענעם ארט מוז ער שטארבין ניט וואו דער מלאך המות וויל:

## ברכי נפשי

יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך (ספר חסידים). אמענטש האט גיזאגט איך וויל בעסער מתפלל זיין אין בית המדרש לעבין ארון קודש כדי מיין תפלה זאל בעסער אן גינומען ווערין צו גאט, האט דער רב גיזאגט צו אים עס שטייט „במקום גדולים אל תעמוד" צווישין גרויסע זאלסטו ניט שטיין טאמער וועט מען דיר ארויס שטויסין, אויך אז דו וועסט שטיין לעבין ארון קודש וועט קומען צו מחלוקת דרום איז בעסער אז דו זאלסט דארטין ניט שטיין וועט דיין תפלה בעסער אן גינומען ווערין, האט דער מענטש דעם רב ניט גיפאלגט און עס איז גיווארין איין מחלוקת, אין אקורצע צייט איז ער גיווארן איין אבל האט ער גימוזט זיצען אונטען, דאס איז וואס שטייט „יהי שלום בחילך" אז עס וועט זיין שלום בייא דיר „שלוה בארמנותיך" וועט זיין שלוה אין דיין פאלעץ וועסטו ניט האבין צער אין דיין שטוב און ניט צער אין בית המדרש (דער בית המדרש

ווערט גירופין פאלעך), אונ די וועסט ניט דארפין זיצין אונטער אין בית המקדש, די וועסט ניט זיין קיין אבל.

**ד'** ישמור צאתך ובואך (מד"ל נח). ארטיבן האט גישיקט צו רבינו הקדוש אמתנה איין טייערין פעריל אונ ער האט גיבעטין אז ער זאל אים אויך שיקין אגוטע מתנה, האט רבי איהם אפ גישיקט איין מזוזה, זאגט ארטיבן צו רבי איך האב דיר גישיקט איין פעריל וואס זיין ווערדע האט ניט קיין שאצונג אונ דו האסט מיר גישיקט וואס די ווערדע איז אגילדין, האט אים רבינו הקדוש גיענטפערט דו האסט מיר גישיקט אזא זאך וואס איך דארף דאס היטען פון גנבים אונ איך האב דיר גישיקט אזו אזאך אז דוא וועסט שלאפין אונ דאס וועט דיר היטען פון אלע שלעכטס וויא עס שטייט „ד' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עו"ם. נאט וועט דיר איין היטען פון שלעכטעס ביין ארוים גיין פון שטוב אונ ביין קומען אין שטוב אונ די מזוזה איז ביין מיר וואו מען גייט ארוים פון שטוב אונ מען גייט אריין אין שטוב, דורך דער מצוה פון מזוזה זייט איין נאט דעם מענשין פון אלע צרות:

# ויתן לך

**ולא** יבשו עמי לעולם (מועד קטן). רבי שמעון בן חלפתא זאגט צו זיין זאהן אז ער זאל גיין צו רבינו הקדוש אז ער זאל איהם בענטשין, איז ער גיקומען צו רבינו הקדוש האט ער אים גיבענטשט אז דו זאלסט ניט פאר שעמט ווערין, אז ער איז גיקומען צום פאטער האט ער גיזאגט רבי האט מיר ניט גיבענטשט ער האט מיר גיזאגט אזויא דייך אז איך זאל ניט פאר שעמט ווערין, זאגט דער פאטער ער האט דיר גיבענטשט מיט די ברכה וואס גאט בענטשט די אידען עס שטייט „ולא יבשו עמי לעולם" מיין פאלק אידען וועלען אייביג ניט פאר שעמט ווערען.

# תפלת הלל

**יקר** בעיני ד' המותה לחסידיו (זוהר הקדוש). אז ר' שמעון בן יוחאי איז קראנק גיווארין איז גיקומען צו אים מבקר חולה זיין ר' פינחס בן יאיר מיט ר' חייא מיט ר' אבא, האבען זיי ביא אים גיפרעגט דוא ביסט אזא צדיק וואס דיין זכות פון תורה מיט דיינע מצות האבין אקיום די גאנצע וועלט וויא אזוי קען זיין אז דו זאלסט שטארבין עס שטייט „יקר בעיני ד' המותה לחסידיו" ענטפערט ער זיי מיין משפט וועט הקדוש ברוך הוא אליין זעהען אונ מיין דין וועט ארוים מיט אזכות, זעהען זיי אז ער איז אין בעט גיפא דיינען זייא דערשראקין גיווארין אונ אין אוויילע ארום האבן זייא דערהערט אריה פון גן עדן אונ זייא האבין ר' שמעון בן יוחאי אויך דער זעהן אז ער איז אין בעט אונ רעט מיט אמענטש אונ זיי זעהען ניט מיט וועמען ער רעט, האט רבי פינחס גיזאגט אונז איז אגרויסער וואונדער דאס דו ביסט ניט גיווארין אין דיין בעט אונ אז מיר האבן דיר דערזעהן האט אונז גישמעקט אריה פון גן עדן אונ דו האסט גירעדט מיט אמענטש אונ מיר האבין ניט גיזעהן אים, ענטפערט ר' שמעון דאס וואס איך בין ניט גיווארין האט מען נאך מיר גישיקט פון הימיל אונ מען האט מיר גיוויזין דעם ארט

יזאו די צדיקים זייגען אין גן עדן אונ מען האט מיר גיגעבין רשות אויס צו קלייבין איין ארט אין גן עדן האב איך זיך אויס גיקליבין איך זאל זיין אין גן עדן לעבין אחיה השלוני. אז איך בין גיקומען פון גן עדן זייגען גיקומען דרייא הונדערט נשמות פון צדיקים אונ אדם הראשון אונ מיט אים האב איך גירעט. דאס איז וואס שטייט „יקר בעיני ד׳ המותה לחסידיו" עס איז שווער אין גאטס אויגין צו ברייגגען אויף זייגע חסידים אטויט ווארום זיי וועלין האבין צער וואס זיי שטארבין דערום טוט ער מיט זייא פיל נסים אונ מען ווייזט זיי פאר זייער טויט זייער ארט אין גן עדן זייא זאלין ניט האבין קיין צער וואס זייא גייען אוועק פון דער וועלט ווארום זייא וועלין האבין אבעסערע וועלט.

**כוס** ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא (חולין פז׳).

רבי האט גיהאט איין גאנץ ביי זיך ווייא זיי האבין אפ גיגעסין, אזוי זאגט רבי צום גאסט וואס ווילסטו צוא דעם כוס פון צו בענטשין צו דו ווילסט דער פאר פערציג גילדין, זאגט דער גאסט איך וויל בעסער דעם כוס צו בענטשין, איז גיקומען אבת קול פון הימיל אונ שרייט אויס דער כוס פון בענטשין איז מער ווערט ווייא פערציג גילדין ווארום לעתיד לבוא וועט מען דעם כוס פון בענטשין דוד המלך געבין, דאס האט דוד המלך גיזאגט „כוס ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא".

## מוסף לראש חודש

**לישני** עפר (סדר הדורות). דער רמב״ם איז גישטארבין אין מצרים אונ מען האט אים גיפירט מקבר צו זיין אין ארץ ישראל האבין גזלנים אוועק גינומען דעם קאסטין וואס אין אים דער רמב״ם ליגט, אונ האבין גיוואלט אריין ווארפין אים אין ים, האבין זיי אים ניט גיקענט רירין פון ארט, זייא זייגען גיוועזין דרייסיג גזלנים, ווייא זייא האבין דאס דערזעהען האבין זייא גיזאגט דאס איז אגרויסער צדיק, האבין די גזלנים גיזאגט צוא די אידין אז זייא וועלין שוין לאזין פירין אים אין ארץ ישראל אונ זייא וועלין אויך העלפין פירען, דאס איז וואס שטייט „לישני עפר" די צדיקים נאך זייער טויט ווערין זייא גירופין שלאפעדיגע, אזוי ווייא דער רמב״ם אז ער וואלט שלאפין וואלט מען אים געוויס ניט גיקענט ווארפין אין ים, אזוי אויך אז ער איז גיוועזען טויט האט מען אים אויך ניט גיקענט ווארפין אין ים ווארום נאט היט איין דעם צדיק פון צער בשעת ער לעבט אונ נאך זיין טויט אויך:

**ובריתת** אבות לבנים תזכור (מד״ר פ׳ כח). רבי לוי האט גיזאגט גאט האט גיפונגען דעם זכות פון משה ואהרן האט ער גיזאגט אז דורך זייער זכות זאלין די אידין אויסגיליזט ווערין פון מצרים דאס שטייט „אלה בני היצהר" למשל איין שררה האט גינומען איין פרוי וואס זיא האט גיהאט מער נישט ווייא צוויי צירונג, אזוי אויך זאגט גאט גינוג פאר דיא אידין אז זייא זאלין זוים גיליזט ווערין דורך דעם זכות פון משה ואהרן, דאס בעטין מיר „ובריתת אבות לבנים תזכור" דורך דעם זכות פון די אבות זאלין מיר אויך גיענטפערט ווערין.

**וקרבתנו** מלכנו לעבודתך (מכילתא יתרו). למשל איין שררה האט געהאט א פעלד האט ער געבעטין אסך מענטשין אז זייא זאלין ארבייטין די פעלד און זייא האבין ניט געוואלט, נור איין מענטש האט זיך גענומען צו ארבייטין די פעלד, איז דער מענטש געווען טייער ביין שררה, אזוי אויך אלע אומות האבין ניט געוואלט נעמען די תורה און די אידען האבין יע גענומען זייא האבין געזאגט נעשה ונשמע, דאס זאגין מיר „וקרבתנו מלכנו לעבודתך". און מיר האבין גענומען די תורה, בעטין מיר דיר אז דו זאלסט אויף אונז דערמאנען האבן. **וטהר** לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). רבי אליעזר בן חרסום האט אים זיין פאטער געלאזין בירושה טויזענט שטעט אויף דער יבשה און טויזענט שיפען אויף דעם ים און ער איז געגאנגען לערנען תורה. איין מאל האט אים באגעגענט זיין איינגענער קנעכט און ער האט אים ניט דער קאנט אז דאס איז זיין האר ר' אליעזר, און זאגט צו אים אזוי ווי עס איז אמת אז ר' אליעזר בן חרסום לעבט, אזוי וועל איך דיר ניט אפ לאזין דוא מוזט היינט ארבייטין ביי מיין האר ר' אליעזר, ניט אידם אוועק רבי אליעזר זיינע גאנצע געלט וואס ער האט געהאט מיט זיך און איז אוועק געגאנגען תורה לערנען, דאס בעטין מיר ביי גאט „וטהר לבנו לעבדך באמת" אז דו זאלסט מאכין ריין אונזער הארץ צו דינען דיר מיט אמת אזוי ווי רבי אליעזר בן חרסום חאטשע ער איז געווען זייער רייך האט ער געהאט א גוט הארץ און איז געגאנגען תורה לערנען.

# מוסף לשלש רגלים

**איש** כמתנת ידו (סוכה ד' מ"ח). ר' חנינא בן דוסא האט געזעהען אז די מענטשען פון זיין שטאדט האבין געבראכט נדרים ונדבות קיין ירושלים און ער האט ניט געבראכט, האט ער גענומען א שטיין איין גרויסין און האט אים געמאכט גלאט און שיין און האט געזאגט דעם שטיין וועל איך ברייגען קיין ירושלים צום בית המקדש, זיינען געקומען צו אים פינף מלאכים וואס זייא האבין זיך פארשטעלט ווי מענטשין און זאגין צוא אים גיב אונז פינף טאלער וועלן מיר ברייגען דעם שטיין קיין ירושלים מער געשט דוא זאלסט געבין דיין פינגער אונטערין שטיין, ר' חנינא האט אזוי געטאן און דער שטיין איז שוין געבראכט געווארין אין ירושלים, ווען ר' חנינא איז געקומען אהין און וויל זייא אב געבין די פינף טאלער געפינט ער זייא ניט, איז ער געקומען צו די סנהדרין און פרעגט ביי זייא וואס ער זאל טאן מיט די געלט, האבין די סנהדרין געזאגט עס קען זיין אז דאס זיינען געווען מלאכים, דאס בעטין מיר ביי גאט אז עס זאל געבויט ווערין דער בית המקדש און מיר זאלין מקיים זיין וואס עס שטייט אין דער תורה אז מען זאל געבין נדבות „איש כמתנת ידו".

# תפלת ראש השנה

**לישני** עפר (כתובות פ"ג). ביי רבי שמואלס באהאלטין פון יתומים, אז ער איז געשטארבן פאטער פלעגט מען געבין געלט האט מען געדארפט די געלט פאר די יתומים האט

האט מען ניט געוואוסט וואו ער האט באהאלטן הערט ר' שמואל אז מען זאגט אז ר' שמואל איז דער זון וואס זיין פאטער האט די געלט פון די יתומים פערלייקנט, איז ר' שמואל אויף דעם בית הקברות געקומען און האט געפרעגט וואו איז דער פאטער פון שמואל, האט איהם אבת קול געענטפערט ער איז ארויף לערנען אין דער ישיבה וואס אין הימיל, אלס ער איז געקומען האט ר' שמואל געפרעגט ביי אים וואו איז די געלט פון די יתומים, ענטפערט ער אים זייא ליגן אין דער ערד אונטער דיא שטיינער וואס מען מאלט תבואה אונזערע געלט ליגט פון אונטן אויף דער ערד ווארום פון די ערד קען פאר ראסט ווערין די געלט און אין מיטן ליגט די יתומישע געלט און אויבין ליגט אויך אונזער געלט אז מען וועט גנבענן וועט מען גנבענן אונזערע געלט, דאס איז וואס שטייט „ומקיים אמונתו לישני עפר" גאט איז מקיים זיינע רייד וואס איז אמת דער וואס איז ניט מקנא פוילט ניט זיינע ביינער עס שטייט „ורקב עצמות קנאה" דער וואס איז מקנא פוילט זיינע ביינער אין קבר אבער דיא צדיקים זיינען ניט מקנא איז ווען ער שטארבט איז ער גליך וויא אשלאפעדיגער מענטש, אזויא וויא ר' שמואלס פאטער האט ניט מקנא געווען די געלט פון יתומים איז ער גיט פאר פוילט געווארין אין קבר.

וטהר לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). הילל אז ער איז געווען ארום האט ער דאן פערדינט אשילינג אטאג, פלעגט ער געבן אהאלבין שילינג דעם שומר פון בהמ"ד אז ער זאל איהם אריין לאזין אין בית המדרש און מיט דעם אנדער האלבין שילינג האט ער זיך מיט זיין ווייב און קינדער געשפייזט. איין טאג האט ער די פרוטה ניט געהאט האט דער שומר בית המדרש אים ניט געלאזט גיין אין בית המדרש האט זיך דער נעבער הילל געלייגט פאר דעם פענצטער ער זאל קענען תורה הערין פון בני שמעיה ואבטליון און עס איז געווען אין דער צייט פון תקופת טבת עס איז געגאנגען אגרויסער שניי איז אויף אים אן געפאלין אזוי פיל שניי אז מען האט אים שוין גאר ניט געקענט זעהען און ער איז געלעגין כדי ער זאל תורה הערין, דאס בעטין מיר „וטהר לבנו לעבדך באמת". גאט מאך ריין אונזער הארץ אז מיר זאלין דיר דינען באמת, אזוי וויא הילל האט געהאט אגוט הארץ צו לערנען תורה חאטשע ער איז געווען ארעם. דער נאך איז ער געווארין אנשיא און איז רייך געווארין:

# מוסף ראש השנה

וד' עלידם יראה (מד"ל כח). דיא פרויא פון אשרה האט דערצארענט דעם שרה האט ער איר אריין געזעצט אין תפיסה, איז ער אויך מיט איר געזעסין אין תפיסה ער האט געזאגט אז איך בין מיט איר וועט מען אויף איר ניט רעדין קיין שלעכטע רייד. אזוי אויך אז די אידען זיינען געוועזין אין מצרים איז גאט געוועזין מיט זייא. און אזויא אין בבל. און אזוי אין כדי איז גאט מיט די אידען וויא עס שטייט „וד' עלידם יראה", גאט איז אויף די אידען געזעהען געווארין כדי זיי זאלין ניט האבין קיין שכבע.

כי באור פניך נתת לנו ד' אלהינו תורת חיים (מד"ל יגלו). אז אמענש פאלט אראב פון איין הויכין ארט און עס מאכט זיך וואונדין אויף דעם גאנצין גוף מאכט דר דאקטער זאלבין אויף יעדער אבר בעזונדער, אבער דיא תורה וואס מען לערנט איז איין רפואה

אויף

אויף דֶעם גַאנְצִין נֶפֶשׁ אונ אַז דֶער נֶפֶשׁ הָאט אַרְפוּאָה הָאט דֶער גוּף אוֹיךְ אַרְפוּאָה עֶר זָאל לֶעבִּין מִיט פִיל בְּרָכָה וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין תְּפִלָּה „נתת לנו ד' אלהינו תורת חיים".

**נצור** לשוני מרע (מד"ל ס' ויקרא). אַיין פְרוֹיא הָאט גִיקְנָאטִין טֵייג בַּיי אִיר שְׁכֵנָה אונ דִיא הָאט גִיהַאט דְרַיי גִילְדִין הָאט זִיא אַנְדֶערֶע גִילַייגְט דִי דְרַיי גִילְדִין לֶעבִּין דִי טֵייג זַייגֶען זִייא אַבִּין גִיפַאלִין אִין דִיא טֵייג אונ זִיא הָאט נִיט גִיזֶעהֶען, הָאט אִיר מַאן גִיבֶּעטִין בַּייא אִיר דִיא דְרַייא גִילְדִין, אִיז זִיא אַוֶועק גִיגַאנְגֶען צוּ אִיר שְׁכֵנָה וָואס זִיא הָאט דָארְטִין גִיקְנָאטִין דִי טֵייג אונ זָאגְט צוּ אִיר אֶפְשַׁר הָאסְטוּ גִיזֶעהֶן מַיינֶע דְרַיי גִילְדִין, דִי שְׁכֵנָה הָאט גִיהַאט דְרַיי זִיהְן זָאגְט דִי שְׁכֵנָה צוּ אִיר אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דַיינֶע דְרַייא גִילְדִין זָאל בַּייא מִיר שְׁטַארְבִּין אַיין, וַוייל זִיא הָאט גִישְׁוָואוִין אַ שְׁבוּעָה מִיט אִיהר וָואהְן וָואס דָאס אִיז אַיין עֲבֵירָה, הָאט דִיא עֲבֵירָה גִימַאכְט אַז עֶס זָאל שְׁטַארְבִּין בַּייא אִיהר אַיין, זָאגְט דִיא פְרוֹיא פוּן דִיא דְרַייא גִילְדִין וַוייל זִיא הָאט מַיינֶע דְרַייא גִילְדִין גִינוּמֶען אונ וִויל זִייא נִיט אַוֶועק גֶעבִּין אונ שְׁוֶוערְט מִיט אִיהר זוּן, דֶערוּם אִיז גִישְׁטָארְבִּין בַּייא אִיהר אַיין, קוּמְט וַוייטֶער דִיא אִשָּׁה פוּן דִיא דְרַייא גִילְדִין צוּא דֶער שְׁכֵנָה אונ זָאגְט צוּ אִיר אֶפְשַׁר הָאסְטוּ פָארְט גִיזֶעהְן מַיינֶע דְרַייא גִילְדִין מַיין מַאן בֶּעט בַּייא מִיר זִייא, עַנְטְפֶערְט וַוייטֶער דִי שְׁכֵנָה אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען אונ אוֹיבּ אִיךְ וֵויים פוּן דַיינֶע דְרַייא גִילְדִין, זָאל בַּייא מִיר שְׁטַארְבִּין דֶער אַנְדֶער זָאהְן, אִיז פַאר דֶער עֲבֵירָה וָואס זִיא שְׁוֶוערְט מִיט אִיר זָאהְן אִיז אַזוֹיא גִיוֶועזִין אַז בַּייא אִיר אִיז גִישְׁטָארְבִּין דֶער אַנְדֶערֶער זוּן, דִיא פְרוֹיא קוּמְט וַוייטֶער אונ זָאגְט צוּ אִיר זִייא אַזוֹיא גוּט אֶפְשַׁר הָאסְטוּ פָארְט גֶעזֶעהֶען מַיינֶע דְרַייא גִילְדִין זָאגְט זִיא וַוייטֶער אַזוֹי, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען דַיינֶע דְרַייא גִילְדִין זָאל בַּייא מִיר דֶער דְרִיטֶער זָאהְן שְׁטַארְבִּין, הָאט נוֹרֶם גִיוֶועזִין אִיר עֲבֵירָה וָואס זִיא שְׁוֶוערְט מִיט אַזָאהְן אִיז גִישְׁטָארְבִּין בַּייא זִיהר דֶער דְרִיטֶער זָאהְן, זָאגְט דֶער מַאן פוּן דִי דְרַייא גִילְדִין צוּא זַיין פְרוֹיא גֶעם זְוַוייא בְּרוֹיט אונ טְרָאג אַוֶועק צוּ דַיינֶע שְׁכֵנָה וָואס בַּייא אִיר אִיז גִישְׁטָארְבִּין דִי דְרַייא בָּנִים צוּא טְרֵייסְטִין אִיר דִיא זָאל זְכִין דִיא עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה פוּן אוּנְזֶער בְּרוֹיט וִויא דֶער דִין אִיז אַז דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה פוּן אַיין אָבֵל זָאלִין דִיא שְׁכֵנִים גֶעבִּין דֶעם אָבֵל. הָאט דִיא פְרוֹיא גִיבְּרַאכְט צוּ דֶער שְׁכֵנָה צְווייא בְּרוֹיטְלַאךְ, וִויא נִיְען הָאט צוּא שְׁנֵיטֶען אַיין בְּרוֹיט אִיז אַרוֹיס גִיפַאלִין דִיא דְרַייא גִילְדִין, דָאס בֶּעטִין מִיר אִין תְּפִלָּה, „אלהי נצור לשוני מרע", מַיין גָאט הִיט אַיין מַיין צוּנְג אַז זִיךְ זָאל נִיט רֵיידִין אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטֶס:

## שחרית ליום כפור

**שבענו** מטובך וטהר לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת פוּן פוֹטִיפַרְס פְרוֹי, זִיא הָאט גִיוָואלְט אִים אִיבֶּער רֵיידֶען דָאס עֶר זָאל אִיר וִוילֶען טָאן זִיא הָאט אִיהם אִין תְּפִיסָה אַרַיין גִיזֶעצְט זִיא הָאט אִים צוּ גִיזָאגְט צוּא שֵׁיינְקֶען טוֹיזִינְט צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער אונ עֶר הָאט נִיט גִיטָאן אִיהר וִוילֶען, דָאס בֶּעטִין מִיר בַּייא גָאט „וטהר לבנו לעבדך באמת" גָאט מַאךְ רֵיין אוּנְזֶער הארין

בארן אז מיר זאלן דיר דינען באמת אזו
וויא יוסף הצדיק האט גידינט מיט אמת.

**ברכנו** אבינו כולנו כאחד (מד"ל ת"ח). אמענש
האט מגדל גיוועזין איתומה און
ער האט איהר גימאכט חתונה, אז מען
האט גישריבין איהר כתובה פרעגט דער
שרייבער ביי די יתומה וויא הייסט
דער נאמען פון דיין פאטער, ענטפערט
זיא איך ווייס ניט קיין אנדער פאטער
מער נישט דער וואס האט מיר מגדל
גיוועזין, אזויא אויך גאט איז מגדל די
אידען רופען זיא איהם פאטער, זאגט
גאט איר רופט מיר פאטער, און ניט
אייערע עלטערן „הביטו אל אברהם
אביכם", זאגין די אידען דער וואס איז
מגדל דער איז דער פאטער „כי אתה
אבינו אברהם לא ידענו" דאס בעטין מיר
„ברכנו אבינו" בענטש אונז וואס
דוא ביסט אונזער פאטער דו ביסט אונז
מגדל דו גיסט אונז לעבין גיזונט מיט פרנסה.

---

# מוסף ליום כפור

**ומפני** חטאינו גלינו מארצינו (מנחות דף כ"ג).
איידער דער בית המקדש איז נאך
חרוב גיווארין איז גאט גיקומען אן קוקין
דעם בית המקדש האט ער גיטראפין דארט
שטיין אברהם אבינו, פרעגט גאט ביי
איהם וואס טוסטו אין מיין הויז, ענטפערט
אברהם אבינו איך בין גיקומען וועגען
מיינע קינדער וואו זייא זיינען, זאגט גאט
דיינע קינדער האבין גיזינדיגט מיט אסך
עבירות און במזיד און זייא זיינען ניט
מקבל זייערע קינדער און טוען ניט קיין
תשובה, האט אברהם אבינו ארויף גילייגט
זיינע הענד אויף זיין קאפ און שרייט און
וויינט און זאגט, טאמער האבין זייא חס
ושלום גאר קיין הילף ניט אויף אייביג,
איז ארויס אבת קול פון הימיל און זאגט
די ישראל זיינען גליך צו איין איילבערט
בוים אז מען פלאנצט איהם איצונד און
ערשט אין אלאנגע צייט ארום גיט ער
זיינע פירות, אזוי אויך די ישראל מוזין
האבין גלות פאר זייערע עבירות און דער
נאך וועלין זייא אויף איין מאל דער לייזט
ווערין, דאס זאגין מיר „ומפני חטאינו
גלינו מארצינו".

**מפני** היד השלוחה במקדשיך (מד"ל איכה וגם מס' תעניות פ"ד). ווען דר ערשטער בית המקדש
האט גידארפט חרוב ווערין, האבין זיך
צוא נויף גיזאמעלט פיר און צוואנציג
טויזינט יונגע כהנים און האבין גענומען
די שליסלען פון בית המקדש און זיינען
ארויף אויף דעם טויער פון בית המקדש
און האבין גיווארפין די שליסלען קעגין
דעם הימעל, איז גיקומען צוהאנד פון
פייער פון הימיל און האט צוא גענומען
די שליסלען, אזויא זיינען אלע יונגע
כהנים אריין גישפרונגען אין פייער אליין,
דאס איז „מפני היד השלוחה" די האנט
וואס איז אויס גישטרעקט גיווארין.

**שתשוב** ותרחם עלינו ועל מקדשך ברחמיך הרבים
ותבנהו מהרה (מהל' יע"ב). למשל
אשרה וואס זיינע קינדער זיינען קראנקע
די דאקטורים פון זיין מדינה האבין גיזאגט
אז מען מוז אפ שניידין אברים פון זייא
האט דער שרה דער פאטער פון די
קינדער גיבראכט א דאקטער פון אנוייטער
מדינה דעם גרעסטין דאקטער ער פלעגט
די געבען דיסע רפואות, און זייא
פלעגין גיזונד ווערין, אז דער דאקטער
איז גישטארבין האבין די קינדער זייער
שטארק גיוויינט ווי דאבין גיזאגט דער

דאקטער

דאקטער פלעגט אונז געבין זיסע רפואות אונ מיר פלעגין ניזונט ווערין אונ אונזערע דאקטורים פון אונזער מדינה פלעגין אונז געבין ביטערע רפואות אונ זייא זאגין אז מען דארף אונז שניידין אברים. אזויא אויך דער בית המקדש איז גיוועזין אנוטער אפטייק מיט טייערע רפואות הנפש מען פלעגט מקריב זיין קרבנות פלעגט גאט אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות אז דער בית המקדש איז חרוב האבין מיר ניט קיין רפואת הנפש. דאס בעטין מיר בייא גאט „שתשוב ותרחם עלינו. גאט האב אויף אונז רחמנות „ועל מקדשך ברחמיך הרבים ותבנהו מהרה", אונ אויף דעם בית המקדש זאלסט דוא רחמנות האבין אונ אוים בויען אים װעלין מיר ווייטער האבין רפואות הנפש װאס מען װעט מקריב זיין קרבנות אין אים:

---

# תפלת נעילה

**שמחה** לארצך וששון לעירך (מד״ל ).

איין מענטש איז גיקומען אין שטאט פון אשררה האט דר מענטש דער הערט אז עס איז פאראנען אטאג װאס דער שררה טיילט מתנות צו איטליכען. אונ צו דעם מענטש װאס ער האט ביי אים אקליינעם שולד שיינקט אים דער שררה זיין שולד. אונ דער װאס האט אגרויסען שולד איז אין יענעם טאג דער סוף פון זיין משפט, צוא אויף גוט צוא אויף שלעכט, האט געפרעגט דער געקומענער מענטש װען װעט זיין דער טאג װאס מען װעט טיילען דיא מתנות װארום ער װיל אמתנה פון שררה, זאגט צוא אידם אמענטש װאס ער האט אויף זיך גיהאט אגרויסין שולד, „עס איז נאך ניט ניך, האט דער מענטש גיפרעגט בייא דעם מענטשין װאס ער טיילט דיא מתנות װען װעט זיין דער טאג װאס מען װערט טיילען דיא מתנות, ענטפערט ער אידם אין אגיכע צייט, זאגט דער מענטש איך האב בייא יענעם מענטשין גיפרעגט אונ ער האט געזאגט אז נאך ניט אזו גיך, ענטפערט אים דער װאס טיילט דיא מתנות יענער מענטש איז איין גרויסער רשע ער האט אויף זיך גרויסע שולדין װיל ער אז יענער טאג זאל נאך זיין ניט גיך, װארום ער קלערט עס קען זיין אז ער זאל גמשפט װערין צום טויט, אזוי אויך דיא אידין האבין געפרעגט בייא בלעם װען װעט זיין אונזער הילף, ענטפערט ער „אראנו ולא עתה" איך זעה אז עס װעט זיין זיין הילף צוא דיא אידין אבער ניט גיך, זאגט גאט דער בלעם װעט זיין אין גיהנם װיל ער ניט אז איך זאל העלפין דיא אידין, אבער װאס זאגט יעקב אייער פאטער „לישועתך קויתי ד׳" צוא דיינע הילף טוה איך האפין צוא דיר גאט, יום כפור איז אטאג װאס גאט טיילט מתנות צוא אלעמען, לעבין אונ גיזונט מיט פרנסה, בעטין מיר בייא גאט אמתנה אז עס זאל זיין „שמחה לארצך וששון לעירך וצמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו.

**וצדקה** וברכה ורחמים וחיים ושלום (סדר הדורות).

ר׳ מאיר איז גיוואוינט גיוועזין צו לערנען פיר שעה אין בית המדרש נאך דעם דאוונען. איין מאל האט גיטראפין אז ר׳ מאיר האט אפ גידאוונט תפלת שחרית פריער װיא אלע טאג, אלס ער איז ארויס פון בית המדרש האט ער דערזעהן אז צווייא שלאנגען, דידען זאגט צוין שלאנג

צוא

אז זייא האבין ניט גיבעטין, האט ר׳ מאיר זייא גיוויזין ווער עס האט גיקלאפט אין דיא טיר בייא נאכט, האבען זייא גיזעהען וויא דיא שלאנג ליגט אטויטע איר בויך איז צוא שפאלטין וואו דער רוח איז ארויס פון בויך, האט ר׳ יהודה אן גיהויבין צוא געבין צדקה, דאס איז וואס עס שטייט „וצדקה“ אז מען גיט צדקה „וברכה ורחמים וחיים ושלום“ איז דעם מענטשין וואס גיט צדקה וועט ער האבין ברכה אונ גאט וועט אויף אים רחמנות האבין אונ ער וועט אים געבין לעבין, אונ וועט שלום האבין.

**עושה** שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן (תעניות פ״ג).

מיט ר׳ מני בן ר׳ יונה האבין זיך דיא לייט פון נשיא גיקריגט, איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם קבר פון זיין פאטער אונ גיקלאגט פאר דעם פאטער אויף דיא צרות וואס ער האט פון דיא מענשען פון נשיא, אמאל האט זיך גיטראפין אז דיא לייט פון דעם נשיא זיינען פאר בייא גיפארין פאר זיין פאטערס קבר זיינען די אייזלען גיבליבען שטיין אונ האבין ניט גיקענט אוועק גיין, האבין זייא פאר שטאנען ווייל זייא טוען אן צרות זיין זאהן האבין זיי גינומען אויף זיך אז זייא זאלין זיין שלום מיט ר׳ מני, דאס בעטין מיר „יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן“.

אז זייא האבין ניט געבעטין, האט ר' מאיר זייא געוויזן ווער עס האט גיקלאפט אין דיא טיר בייא נאכט, האבען זייא גיזעהען וויא דיא שלאנג ליגט אטויטע איר בויך איז צוא שפאלטין וואו דער רוח איז ארוים פון בויך, האט ר' יהודה אן גיהויבין צוא געבין צדקה, דאס איז וואס עס שטייט „וצדקה" אז מען גיט צדקה „וברכה ורחמים וחיים ושלום" איז דעם מענטשין וואס גיט צדקה וועט ער האבין ברכה אונ גאט וועט אויף אים רחמנות האבין אונ ער וועט אים געבין לעבין, אונ וועט שלום האבין.

**עושה** שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן (תעניות פ"ג).

מיט ר' מני בן ר' יונה האבין זיך דיא לייט פון נשיא גיקרינט, איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם קבר פון זיין פאטער את גיקלאגט פאר דעם פאטער אויף דיא צרות וואס ער האט פון דיא מענשען פון נשיא, אמאל האט זיך גיטראפין אז דיא לייט פון דעם נשיא זיינען פאר בייא גיפארין פאר זיין פאטערס קבר זיינען די אייזלען גיבליבען שטיין אונ האבין ניט גיקענט אוועק גיין, האבין זייא פאר שטאנען ווייל זייא טוען אן צרות זיין זאהן האבין זיי גינומען אויף זיך אז זייא זאלין זיין שלום מיט ר' מני, דאס בעטין מיר „יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן".